STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01609

# DER 13TER SHEYVET

## Wolf Younin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Sigmund R. Balka*
*in memory of*
*Abraham (Al) Israeloff*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער 13טער שבט

ראָמאַן
אין פערזן

פון - וואָלף יונין

תשי״ז 1956
ניו-יאָרק

# DER DRAITSNTER SHEYVET

# (THE THIRTEENTH TRIBE)

## באוואָרעניש

דאָס בוך איז קאָפּיראַיטעד לויט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן פון אוי־טאָרן־רעכט און צו באַנוצן אויסצוגן מינדלעך, אָדער שריפטלעך — חוץ פאַר רעצענזיע־צוועקן — איז פאַרווערט. ווער ס׳וויל נוצן טיילן, צי ס׳גאַנצע בוך אויף דער בינע, ראַדיאָ אָדער וואָרט־קאָנצערטן, דאַרף זיך ווענדן אין פאָרויס נאָך אַ שריפטלעכער דערלויבעניש פון מחבר.

Copyright 1956

**By Wolf Younin**
68-30 Clyde Street
Forest Hills 75, N. Y.

• •

All rights reserved

שער־בלאַט געצייכנט פון מחבר

עמבלעם — בן ציון מכתם

PRINTED IN THE UNITED STATES
at
THE GRENICH PRINTING CORP.
New York, N. Y.

166



וואָלף יונין

# די העלדן פון ראָמאַן

די נעמען פון די העלדן אין דעם דאָזיקן ראָמאַן זענען פיקטיווע. אויב זיי וועלן ענלעך אויף נעמען פון געוויסע מענטשן פון ווירקלעכן לעבן, איז דאָס בלויז אַ צופאַל.

# I

# 1. שלמה קומט אָן קיין אַמעריקע

אָט דאָ, טאַקע, האָט אים געבראַכט די שיף
ווען אין ניו יאָרקער האַפן האָט זי זיך פאַראַנקערט;
ער האָט אַ קוק געטאָן צום הימל, ווי מיט אַ שפּאַקטיוו,
געזוכט דעם אויבערשטן אים אָפּצוגעבן זיין „גאָט צו דאַנקען".
פון ערשטן מאָל אין לעבן זיינעם אויף אַ ים
האָבן אים די פיס אַביסל שכור׳לעך זיך צוגעהוידעט;
אין מויל איז אים נאָך אַלץ געהאַנגען אַ זאַלצעדיקער טעם,
און אין געדאַנק—די כוואַליעס האָבן זיך נאָך אַלץ געגוידערט.
אַלע זיינע יאָרן, ווי פאַרלאָרן מיטאַמאָל,
און מיט די יאָרן—אַלע יאָכן, אַלע זאָרגן! . . .
מיט אַלע כוחות אַ געשריי געטאָן האָט שלמה אויף אַ קול:
גוט מאָרגן דיר, אַמעריקע, גוט מאָרגן!

## 2. צואוואָס ט׳מען עס באַדאַרפט ?...

אַהער האָט אים אַריינגעשיפט די שיף,
וואָס איז געבליבן שטעקן ווי צווישן העלדזער פון זשיראַפן ;
נאָר שלמה׳ס אויגן געווען זענען פאַרטיפט
אין קליינעם פאַרקל דאָרט, ביים סאַמע ברעג פון האַפן.
אָט דאָס איז עס נעוו יאָרק, די שטאָט פון שטעט ?
— אַן אַריינפאָר, ווי ביי זיך אין שטעטל :
אַ סעדל ביימער. הייזקעס. שטריק מיט גרעט
און אַ ווינטל אַ קליין-שטעטלדיקער פשט׳לט . . .
ווי אַזוי האָט שלמה גאָר געקענט דערזען די הויך
פון וואָלקנקראַצערס און פון טורעמס,
אַז אַלץ האָט זיך געוויגט ווי אין אַ חלומ׳דיקן רויך—
עלעהיי עס וואָלט געווען שושן־פורים.
און ווען דער שיף־אָרקעסטער האָט אַ שפּיל געגעבן הויך
און שאַרף
און צום הענג-בריקל צוגעלאָפן זענען קרובים טרעריקע,
האָט ער אַ זאָג געטאָן באַשיידן : צואוואָס ט׳מען עס באַדאַרפט
צעפּויקן פאַר דער וועלט, אַז שלמה קומט אָן קיין אַמעריקע ?

## 3. בראָנקס עקספּרעס

דער בראָנקס עקספּרעס טראָגט זיך גיך, יאָגט זיך שנעל
דורך סאָבוועי-טונעלן,
דורכן האַרץ פון מאַנהעטן, דורכן האַרץ פון דער וועלט:
צום פּעטער שימע-עליע.

דער בראָנקס עקספּרעס לויפט מיט מענטשן געפּראָפּט
אַ געלאַף אַזאַ שנעלן.
ווי טשאָלנטן פּאַררוקט—טאָפּ אויף טאָפּ: שלמה׳ס קאָפּ
אויפ׳ן קאָפּ פון שימע-עליע׳ן.

געפּילדער פון שטאָלענע רעדער אויף שטאָל,
ראָדעריי-ראָדערעלן . . .
ס׳רעדערט די באַן אויף אַ רעדערנעם קול:
צום פּעטער שימע-עליע.

פון שווייסיקע שויבן טראָפּן באָבן מיט שוויס—
שוואַרץ-גרויע קרעלן.
וואוהין-זשע פאָרן עס אַלע, וואוהין ?—נו, וואָס הייסט,
— צום פּעטער שימע-עליע ! . . .

## 4. די פראַגע

אין דרערד אַריין, פון דרערד אַרויס—
די סאָבוועי לויפט שוין איבער דעכער,
ווי איינער פון אַ דולן הויז:
גרייט צו שטעכן, גרייט צו ברעכן!

דורך די שויבן קוקט און גאַפט
אַ צעמישטער שלמה-חנה׳ס,
און אַלע יאָרן שטעטלשאַפט
פאָרן-מיט אין טשעמאָדאַנעס.

פלוצטאַהאַלבן, אויפן וועג,
אַזאַ פראַגע אַזאַ שווערע
שלמה׳ס פעטער גיט אַ פרעג:
נו, ווי גלייכסטו עפעס אַמעריקע?

שלמה הערט ניט, נאָר ער זעט
ווי אַ וועלט איז איינגעגראַבעוועט;
אין איין שטאָט—אַזויפיל שטעט
רייסן זיך צו הימלען: ראַטעוועט!...

## 5. דאָס איז דאָס הויז

אַזוי איז מען געפאָרן אַן אָנדערהאַלבן שעה,
ביז דער פּעטער האָט געמאָלדן: מיר זענען שוין דאָ!

צוויי טשעמאָדאַנעס, שימע-עליע אין מיטן
לויפט נאַשפּיץ פאָרויס. נאָך אים, ווי אַ שליטן

גליטשט זיך נאָך דער פלימעניק באַהאַנגען, באַפּעקעלט
און אין קאָפּ אַ געקלאַנג, ווי ס'וואָלט אַלץ דאָרט געגלעקלט...

אַן עווענין אַריין, אַ געסל אַרויס
און—אָט דאָ וואוינט דער פּעטער. דאָס איז דאָס הויז.

(ניט אַזוי די רויט־האַריקע שכנה, ווי זיין „טאַנטע סעידי״
און ווי אַזוי זי גיט אים אַ נייעם נאָמען;
וואָרום ניט אויף אַלץ וואָס ס׳האָט געזאָגט
וועלוול שעקספּיר, דאַרף מען נאָכזאָגן אָמן . . .
און חוץ דעם האָט סעידי וועגן אים ניט געהערט —
איז לאָמיר ניט פּטר׳ן קיין צייט, ווייל
ער האָט עס ניט די ווערט).

## 6. אַ שכנה

מויערן פון לינקס און מויערן פון רעכטס
אויסגעשטעלט אין רייען, ווי זעלנערשע קאַזאַרמעס;
אַ ווינטל צעפירט געוּרוכן פון געקעכץ,
ריחות פון געבעקס און פריש־געקאָכטן וואַרעמעס.

ווי אַ פויגל פון אַ נעסט — דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט
האָט ערגעץ פון אַ פענצטער אַ שכנה אַ רויט־האַריקע;
איידער נאָך ס׳האָט שלמה ביים פעטער זיך צעפרעגט,
האָט יענער שוין געמאָלדן: דאָס איז „די נעקסט־דאָריקע.״

דער פעטער האָט נאָך רעכט ניט פאַרענדיקט זיינע רייד,
אַז ס׳גאַנצע הויז מיט שכנים איז שוין געוואויר־געוואָרן:
„סעמי־אילאַי סטאָונהיל מיט זיין גרינעם נעפיו גייט . . .״
„פון יוראָפּ איז אַ גרינער ערשט געקומען צו פאָרן.״

## 7. העלאָ . . .

ווי געגנדז פאַרסאָפּעטע זענען זייביידע
אין הויז אַריינגעפאַלן אין אַ מזל׳דיקער שעה.
דער פעטער צו שלמה׳ן: דאָס איז דיין טאַנטע סעידי!
די מומע צו שלמה׳ן: העלאָ!
(שלמה אַליין איז שוין דאָ, נאָר נאָך אַלץ נישטאָ.)
די מומע (ווייטער): ווי-זשע גלייכסטע ׳פּעס אַמעריקע?
דער פעטער צו דער מומען: וואַרט,
גיב אים אַ טשענס, גיב . . .
נאָר ביי דער מומען האָט דאָס מויל זיך געטאָן אַ צעזיפּ.
די אַנגלען האָבן אירע ווערטער געשפּאַרט,
ווי דער ענגער קאָרסעט
אירע פליישיקע פלאָסטן.
די מומע—אַן איינגעפּאַקטער קאָסטן,
וואו ס׳ליגט אַ מאַשינקע באַהאַלטן
און . . . רעדט.

# 8. אַ נאָמען

פיר שווערע שטולן אַרום אַ שטרענגען טיש.
פון דער סטעליע הענגט אַראָפּ אַ דזשאַכטשעדיקער
קאַנדעליאַבר.
שלמה קוקט מיט קאַלטע אויגן פון אַ פיש
און הערט די מומע זיינע דבר'ט:
„דאָרט הענגט דיין עלטער-מומע דזשעראַלדינ'ס פּאָרטרעט,
אַ כלב'טע—לעט האָר רעסט אין פּיס—אַ קאַרגע;
היינט אַ פּיסק האָט זי פּאַרמאַגט, און אַלעמען באַרעדט—
טפו, זי זאָל מיר כאַטש ביינאַכט ניט קומען ווארגן...
און די-אַ פּיקטשע (אויף דער רעכטער זייט)
קאָסט פּופצן טאָלער—ס'איז געפּעינט אויף סאַמעט!
ניש'קשה, וועסט נאָך אויך זיך דאָ אַרויפאַרבעטן, צ'אָלראַיט—
אַבי דו זאָלסט ניט זיין נאָר קיין מלמד..."

און שימע-עליע'ס ווייבל שטאָפּט אין אים אַריין די רייד,
ווי אין געפּראָפּטע רעדנעס—האָפּן:
„ענד דאָנט פאָרגעט, מיין הויז איז אָלוועיס פאַר דיר גרייט,—
זעסט דאָך אויס אַ קאָפּי פון מיין סידני'ן, ווי צווי טראָפּן!
סידני איז דיין קאָזין, אונדזער עלטסטער באָי—
סעמי-אילאַי! איאָ, דער גרינער איז אין סיד'ן גראָטן?!"
(און שימע-עליע באַמקעט אונטער: נו, געוויס אַזוי—
עס זאָל זיי ביידן קיין גוט-אויג ניט שאָטן...)
„ווי הייסטו, זאָגסטו—שלמה?—פּע!
דיין נאָמען מוזטו טשעינדזשען אַף ריעל יענקיש:
שלמה, סעדריק... שוירמאַן... סע...
סעלווין! סאַנץ סאָ ביוריפול און ניט אַלט-פרענקיש."

און שלמה איז שוין איצט אינגאַנצן פּיש
אונטער איר צונג, וואָס האַקט אים, ווי אַ האַקמעסער, אויף
שטיקלעך
און לייגט אים אויס חלקים׳ווייז אויפ׳ן מצבה׳דיקן טיש.
שלמה לאָזט זיך פאַלמעסן און ער איז—גליקלעך!
גליקלעך, וואָס ער רעדט ניט אָט דעם קוידערוועלש,
גליקלעך, וואָס ער האָט אַ העלפּט כאָטש ניט באַנומען . . .
פון דרויסן קוקט אַריין אַ ניט-פאַרבויטער פעלז
און ס׳קוקט צום פעלז אַרויס אַ פאַפירן בינטל בלומען.

## 9. אַזוי

וואָס שפּירט אַ מענטש דעם ערשטן אָוונט פון אַ שיף?
ער שפּירט ווי די יבשה וויגט זיך.
— אַזוי האָט שלמה אויסגע׳משל׳ט אין זיין ערשטן בריוו.

## 10. וועגן שלאָף און אַנדערע שטאָפן

די ערשטע נאַכט אין דער פרעמד, אין אַזאַ מעטראָפּאָליע,
איז נאָך נענטער צום לייב דאָס אייגענע העמד.
אַלע רייד ביי שלמה'ן אין האַלדז, ווי קערנער אין אַ הינערשער
וואָליע,
זענען געבליבן פאַרלייגט. דאָס האַרץ האָט געקלעמט.

ביים פּעטער אין הויז, צווישן דעמבענעם מעבל צעשטעלט
שטייט זיין בעטל. שלמה זוכט אין דער פינצטער דעם שלאָף,
נאָר ער איז אויסגערונען. ס'ווייעט פון מעבל אַ קעלט,
ס'יאָגט אַזוינס, וואָס אומעטן מאַכט מען פון אַזאַ שטאָף.

(דער יונגער טראַכט: כ׳בין יונג און שיין,
און אַלץ וואָס אַלט, איז מיר אין וועג אַ שטרויכל;
די קורצזיכטיקע יונגקייט לאָזט ניט זען, אַז ער אַליין
וועט אויסברענען זיין יונגשאַפט, און ווי אַ רויכל
די דרויסנדיקע שיינקייט וועט צעגיין.
ווי פלעגט די באָבע, ע״ה, זאָגן? —
„אונדזערע שונאים זאָלן אַלט ניט ווערן!..״
סאַ פראַגע וויפל קנייטשן אויף אַ פּנים,
צי וויפל שיינקייטן אַ מענטש אין זיך קאָן טראָגן?)

## 11. מען קומט אַנקוקן דעם נעפיו

פון בראָנזוויל און פון בענסענהורסט, פון פלעטבוש און
דאַון-טאַון
האָבן זיך אַ לאָז געגעבן קרובים אויף בייז-וואונדער;
אויסגעפּעלט אויף דעם יאַריד האָט בלויז אַ מיסטער בראַון,
וואָס איז שוין דאָ געוואָרן, ווי מען זאָגט, פון די „400״...
ווייטע פריינט, משפּחה און באַקענטע סתם
געקומען זענען אָנקוקן דעם נעפיו דעם געטרייען;
די מומע אויסגעסטראַצלט אין פליוש, ווי אַ דיוואַן,
האָט יעדן אויפגענומען מיט אַ ברייטלעכן „האַוואַיו?״
דער פעטער שימע-עליע—גרין, ווי גאָרטן-גרינס—
האָט אַלע וויל געעפנט די טירן מיט הכנעה;
און שלמה איז געשטאַנען, ווי דאָס גרויסענע געווינס,
אינ׳ם אויפגעלאָף פון מענער, פון קינדער און פון פרויען.
ס׳האָט איטלעכער געמאָסטן אים פון קאָפּ ביזקל די פיס,
אים אָפּגעשטעקט אַ האַנט, געפרעגט אים וועגן „יוראָפּ״
אויף אַ מאָדנעם לשון, אַ בבל׳שן געמיש;
און שלמה האָט געטראַכט: משוגע, צי מטורף?

בלויז איינע האָט אים, שלמה׳ן, מורא׳דיק געריי׳רט.
זי איז צונויפגעלייגט געווען, ווי אַ צי-גאַרמאָניע ;
די אַלטיטשקע האָט רואיק אַ גערייד מיט אים פּאַרפירט
און—וואו זי וואוינט—אים אויסגע׳משל׳ט מיט׳ן פינגער אויף
דער דלאָניע :
תחילת גייט מען, ניט צו דיר געריי׳דט, דאָ אין דרערד אַריין
פּאַרפרי.
מען נעמט די סאָבוועי און מען פאָרט, און מע פרעגט דאָרט ביי
אַ יידן :
„אויף וועלכער סטאַנציע, מיסטער, קריגט מען בי עם טי ?"
יידיש, ברוך השם, פאַרשטייען מערסטע יידן,
נאָר ענטפערן איז אַ גאָט-זאַך. איז, מילא, ווען ס׳האַלט שמאָל—
פרעג זיך ביים קאָנדוקטאָר, וואָס גיט אַכטונג אויף די טירן,
און ער וועט דיר אין יידיש זאָגן אַלצדינג אויף אַ קול :
אַז ניט, קריגט ער אַ יידישלעכן יידן דיך צו פירן.
איז פאָרסטו, פאָרסטו, זונעלע, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט,
ביז די סאָבוועי טוט אַ שווים אַרויס פון חושכ׳דיקן קעלער
און גייסט אַרונטער אויף דער דריטער סטאַנציע, וואו עס שטייט
אַ בלינדער אָרימאַן מיט מטבעות אין אַ טעלער.
פון דאָרטן דאַרפסטו קיינעם מער ניט פרעגן. קאָנסט שוין גלייך
מיט פאַרמאַכטע אויגן טרעפן צו מיין הויז, אָן אויסצומאָלן ;
כ׳ווינטש דיר אַלדאָס גוט, נאָר ווער ניט, חס ושלום, אַ ביסעלע
צו־רייך,
ווייל ס׳האַרץ פאַרשליסט זיך, ווען דער טייסטער ווערט
געשוואָלן . . ."

די אַלטיטשקע האָט מיט אַ דאַרן פינגער אָפּגעווישט אַ ליפּ
און מיט אַ קלוגן שמייכל אירע יאַסלעס צוגעשלאָסן.
די מומע האָט געשאָטן, ווי פון אַ לעכערדיקער זיפּ,
און פּיסקעס האָבן חצי־ענגליש, חצי־יידיש צוריקגעשאָסן.
ס׳האָבן ווייבערישע נעזער אונטער פּודערן געשוויצט
און לייבער האָבן זיך געפּרעגלט אונטער קלעפּעדיקע קליידער;
געליאַכעט האָבן מענער-מיילער פון אַ פוילען וויץ
און קליינוואַרג האָבן זיך געשטאָפּט מיט קיכעלעך כסדר.

אַזוי האָט שלמה-חנה׳ס זיך מיט איטליכן באַקענט
ביי דער „פעמעלי-רעיוניען״, כאָטש וואָס האָט ער
פאַרשטאַנען ?
בלויז איינע האָט פאַר אַלעמען יענעם אָוונט זיך געשעמט—
די אַלטיטשקע וואָס איז דאָרטן, ווי אַ דענקמאָל, געשטאַנען . . .

## 12. דערווייל . . .

ביז שלמה האָט געקראָגן אַרבעט
האָט אַ ביסעלע אונטערגעדויערט.
דערווייל האָט ער „וואָכן דער'הרג'עט".
אין זיך איינגעמויערט,
האָט שלמה אַליין זיך גענומען
לערנען ענגליש פון שילדלעך,
כאָטש שווערלעך איז אים אָנגעקומען
צעקייען די ווערטער; און ווילדלעך
די אויסלייגעכץ אויסגעזען האָט אים,
נאָר—אַ שטיקל גמרא איז שווערער ! . . .
ניט וויכטיק קיין אַנדערע פּרטים ;
דערווייל—איז שלמה געוואָרן
זיין אייגענער ענגלישער לערער.

(וואָס איז אַ שפּראַך? — אַ כלי, דוכט זיך, אַ רגילות,
און מאַלע וואָס נאָך פּאַר אַ מין טעאָריע ס׳איז פאַראַן!...
ווען מען לויגנט זיך עס דער עסק, און ווער וויל עס
צוליב אַ לשון זיין גאָר אַ מאַראַן?
נאָר פונדעסטוועגן, ווען מען נעמט צונויף די תפילות
וואָס ס׳האָט דער אויבערשטער געהערט אויף עברי־טייטש,
אויף פּראָסטן מאַמע־לשון יידיש — וואָלט מען באַנומען
אַז אַ שטומער ייד, אַפילו אין זיין שטומען,
האָט אויסגעשטומט זיין שטומען צער אין ים
פון מאַמע־לשון ניט־אַרויסגערעדטן,
כאָטש קיינער האָט זיך ניט ביי אים געבעטן
און ניט געהייסן: שוויג אויף לשון פון דיין שטאָם.)

## 13. מאַמע-לשון שבכתב און יידיש שבעל פה

אָרטשאַרד סטריט און עסעקס, סטענטאָן סטריט און גרענט...
מזל טוב! ס'האָט שלמה מיט דער איסט סאַיד זיך באַקענט:
וויוועסקעס און שילדעלעך אויף יידיש, זע נאָר, זע—
מאַמע-לשון שבכתב און יידיש שבעל פה.
הערט ער יידן ריידן יידיש אויף אַ קול אין מיטן גאַס,
זעט אַ ספרים-קראָם—אין פענצטער שטייט אַ גאַנצער ש"ס;
יידענקעס מיט שייטלעך, יידן היימישע מיט בערד,
און יידישע אַפישן וועגן אַ וויכטיקן קאָנצערט.
לייענט ער אַ שילדעלע: „היער ווערדען סוטס פערשטאָפּט",
ווייסט ער ניט דעם טייטש דערפון; דרייט ער אום זיין קאָפּ,
לייענט נאָך אַ שילדעלע: „עס ווירד פעררענט איין רום",
קוקט ער אויף דער אויפשריפט, ווי מען קוקט אויף אַ בעל-מום.
טראַכט ער: מען דאַרף געבן ווידער אַ פּרוביר,
נעמט ער זיך צום גרויסן שילד, וואָס הענגט ביים יואוועליר—
„דזולערי אַלערליי זאָרטן, ברעיסלעטס, וואַצעס, ציינס..."
דערפרייט ער זיך: פאַרשטאַנען כאָטש דעם נומער הונדערט איינס,
וואָס שטייט אַ קלאָרער אויסגעמאָלן אויפ'ן לאַנגן שילד
אין שוואַרץ און גאָלד, ווי ס'איז געמאָלט דער זייגער אויפ'ן בילד.
און ס'איז אים, שלמה'ן, קשה אַזאַ לשון צו פאַרשטיין:
ער צווייפלט, צי אַפילו ס'גאָלד דעם יואוועליר'ס איז ריין.

די זון די מיטן־יוליקע פרעגלט־אָפּ ניו יאָרק
און עווענ׳וס און גאַסן—פאַרפּראָפּטע, ווי מיט קאָרק:
קיין געררך זאָל ניט אַרויס, קיין ווינט זאָל ניט אַריין.
און שלמה ניוכעט, ווי אַ הונט, אָטעמט אַלצדינג איין—
אוגערקעס האַלב־זויערע, ציבלקעס און ברויט,
פּעטרישקע, סאַלעריע און אַרבעסן אין שויט,
טוכלע ריחות פון אַ קעלער, צוגעפוילטע אויבס,
און אָפּגעפּליקטע עופות און ריחות פון די דרויבס
זעצן אין די נאָזלעכער און מישן זיך צונויף
מיט שאר ירקות אילערליי, וואָס שטייען צום פאַרקויף.

צווישן הורבעס ברוכוואַרג פון אייזן, שטאָל און ברעט—
איינגעשוויצטע קינדערלעך, ווי איינגעווייקטער גרעט,
קינדערלעך מיט סטרעמפּעלעך פאַרטריקנטע פון היץ,
אַ פּאַרע פון געזעסעלעך, ווי ערשט אַרויס פון שוויץ...
קינדערלעך פון דער איסט סאַיד קוקן אין אַ בוך
און זעען אויס אַליין, ווי קליינע שטיקלעך ברוך.
און אַ קאַץ אַן עלטערע, וואָס שטייט דאָרט ביי דער זייט,
מיט אַן אייגל זשמורעט זי און מיאַוקעט־צו: אָלראַיט...

# 14. אינטערנאַציאָנאַל

און שלמה גייט, באַטראַכט אַלצדינג און זאַפּט אַלץ איינעט.
אַט איז ער שוין ניט ווייט פון העסטער פּאַרק, און ער באַמערקט:
טויזנטער מלבושים, שוכוואַרג שמאַטעלאַיעס אָפּגעהושענהט,
ווערן סאָרטירט אין אַ געשעפּט פאַר אויסלענדישע מערק.

היט ווי קוגל-טעפּ, קאַמזוילן, פּרעק, פּאַטשיילעס, שאַלן,
מאַנישקעס, אַלטע רעק און הויזנס אילערליי,
פּעק מיט סוועטערס, מופטעס, קליידער—אינטערנאַציאָנאַלן,
און אויף די שפּיצן בערג מיט אַלטוואַרג—נאַפּטאַלין, ווי שניי.

ער מוז נאָך דאָ צוריקקומען און אַלץ באַטראַכטן לענגער,
„וויסאָצקי׳ס טיי-פאַבריק", די בעקעריי פון קוילעטשן און ברויט;
אויף היינט—גענוג. ער איז אַליין שוין באַלד צעבויגן, ווי אַ הענגער
אויף וועלכן ס׳הענגט אַ נאַסער אויבערציער—זיין צעשוויצטע הויט.

## 15. די אַלטע איסט בראָדוועי

דאָרט, וואו ס'מישט זיך אויס די לופט פון שפּילנדיקע ווייַנען,
פון פרישן דרוקער-טינט, צייטונג-פּאַפּיר מיט די גערוכן
פון יידישע מאכלים ; דאָרט, וואו די אַרויסן און אַרייַנען
זענען אָן פּאַלשן אָנשטעל, און—ווי אַ ביאַליסטאָקער קוכן,
צי אַ ווילנער בייגל—היימיש איז דאָס מאַמע-לשון ;
דאָרט, וואו מען טרעפט נאָך אַ לאַטע-לייגער פון קאַלאָשן,
וואו מען באַגעגנט נאָך אין פולן טראַכט אַ רבי'ן
לויט'ן אַלטן שטייגער-לעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס פון שטעטל;
דאָרט, וואו מען ווינטשט זיך נאָך „מען זאָל איבעראַיאָר
דערלעבן"
און וואו די ווינטן ערב פּסח בלעטערן איטלעך בלעטל
פון באַנוצטע ספרים ;
דאָרט, וואו אַלט-יידישע ראָמאַנען און ביכער פון „מאָדערנע"
שטייען געאָרעמט
אויף פּאָליצעס, וויטרינעס פון די ביכער-קראָמען,
וואו מען באַגעגנט אַ הי-געבאָרענעם—אַ לערנער
און דווקא מיט אַ יידיש פון דור-דורות
און דווקא מיט אַ נאָמען
(משה, שלמה, צי אברהם)
וואָס קיין עכט-אַמעריקאַנער שעמט זיך ניט דערמיט ;
אָ, דאָרט וואו יידישע רעדאַקציעס שטייען אין דער מיט
פון אַלע שטעט מיט שטעטלעך יידן און ניט-יידן,
נאָר וואו עס פעלן בלויז די פייערן מיט וואָגנס היי—
דאָרט שניידט זיך דורך די אַלטע איסט בראָדוועי.

# II

(לאָמיר מאַכן אַ באַל פון געבראָטענע הינדעלעך
און זיך שפּילן אין הונגער:
דו וועסט זיין אַן אָרים עופעלע אין די ווינדעלעך,
ער וועט זיין אַ קאַליקע אַ יונגער,
זי וועט זיין אַ פאַריתומטע כלה;
און מיר וועלן פאַרבייסן די נאָכשפּייז מיט חלה
(ביים הונגער־באַנקעט)
נאָך די הינדעלעך און דעם פאַרוויילערס וויצן
און נאָך דער שפּאַרעניש אין בויך
פון צופיל זיך שטאָפּן לטובת די נעבעכע;
דערנאָך וועט איינער זיין רחמנות פאַרשניצן,
פאַרציען אַ גוטן האַוואַנאַ־סיגאַר
און אַ בלאָז טאָן דעם רויך
מיט ווייטיק און צער:
זיי ליידן „דאָרט״? — מיר ליידן דאָ אויך!...)

# 16. אין יענעם האַרבסט

דער פּעטער שימע-עליע—אַ פּעטער אָן אַ גאַל—
האָט וועלטן איינגעלייגט פאַר זיין פלימעניק שלמה-חנה׳ס.
די לאַנדסלייט זיינע האָבן „פאַראַנשטאַלטעט אַ באַל״
אין אָקטאָבער-צייט, ווען ס׳פּלאַצן די קאַשטאַנעס
אויף די קאַשטאַן-ביימער און פאַלן מיט אַ קנאַל
אַרונטער אויף פאַרהאַרטעוועטע גרויע טראָטואַרן;
האָט דער פּעטער זיך געווענדט צו זיינעם אַ בן-עיר
אויף יענעם באַל פון לאַנדסלייט, געזאָגט בזו הלשון:
„טשאַרלי, כ׳דאַרף אַ טובה, מוזט עס טאָן פאַר מיר,
אויב דער פּונק פון מענטש אין דיר איז ניט פאַרלאָשן—
גיב דעם באָי אַ דזשאַב, עפן אים דיין טיר
פון שאַפּ און וועסט אין באָי זיך, אָסור, ניט געניאַרן.
גיוו די באָי אַ ברעיק, דאָס אַלץ וואָס ער באַדאַרף!
איך קאַוויר דיר אין אַ וואָך וועט ער דיר נייען אויבערהעמדער.
געבענטשטע הענט. און יונג. דער קאָפּ זיינער איז שאַרף,
און ועל כולם—ביסט דאָך ניט אינגאַנצן גאָר קיין פרעמדער
אין די דראָבנע אותיות—ווי זאָגט זיך דאָרטן: וואַרף,
שלח לחמך, דיין ברויט, וואַרף על פּני המים . . .״
און ביי יענעם באַל האָט לאַנדסמאַן טשאַרלי סטאַר
(אָדער כאַצקל שטערן, ווי ער האָט אַמאָל געהייסן)
פאַר׳חתמ׳עט שלמה׳ס גורל אויף אַ יאָר. דערפאַר,
אפשר, האָט אין אַנגסטן באַגאָסן אַזאַ שווייס אים:

„אַ מצווה־טאָן? — אָ. קעי. באָט וואו איז דאָ דער שכר,
אויב מען קאָן דערביי ניט מאַכן, כאַטש, כפל-כפלים?"
טשאַרלי האָט בעת-מעשה זיין זיידענעם קראַוואַט
פאַרריכט; די לעצטע מאָהיקאַנער—די פאָר הערלעך
אויפ'ן פליך פאַרקעמט: „יעס, סערי! וואַי נאָט?
שיק אים צו אין שאַפּ. נאָר ווייס, ס'איז שווערלעך
געבן פעי די ערשטע צייט אַפּילו אַ נאַש-בראַט.
אויף קאַרפעיר פון מיין פאַקעט וועל איך אים שוין געבן" — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַגב אורחא — דער באַל געוועזן איז „אַ סוקסעס!"
דעם טראָפּ האָט מען געשטעלט אויף הינדעלעך געבראָטענע,
ווייל—סוף כל סוף—די וועלט שטייט אויפן פרעס;
און ווען אַזעלכע בעלער זענען געראָטענע,
געניסן אויך דערפון די ברידער—ניט פאַרגעסט—
„די, פון יענער זייט, וואָס מאַכן ניט קיין לעבן"...

* * *

וואָס האָט די ווערט אַ מענטש אין אונזער דור?
דאָס האָט נאָך שלמה אויסגעפונען יענעם יאָר,
אין יענעם הערבסט. און נאָך זאָכן האָט ער באַנומען
אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי ער איז אָנגעקומען.

# 17. אין אַ גאָלדענער שטייג

אין אַ לאַנד אַ פרעמדן, אין אַ שטאָט אין אַ פרעמדער
אַ מענטש אַז ער קומט פון יענער זייט ים
און מען זעצט אים אַוועק ביים מאַשין נייען העמדער
ביי אַ באָס אַ בורילע, ביי אַ באָס אַ כאַם—
(ווי ס'וואָלט אים באַטיטלט פּאָעט משה־לייב);
מעג ער זיין, ווי צופרידן און גליקלעך, דער מאַן
וואָס האָט זיך דערשלאָגן צום גאָלדענעם לאַנד—
וועט ער שוין די טעג ניט פאַרגעסן כל זמן
ער וועט נאָך לעבן און זיין ביים פאַרשטאַנד!
(ווי ס'וואָלט עס באַטאָנט פּאָעט משה-לייב)
ס'איז פונקט ווי מען נעמט אַ מענטש אָן כלי-זין,
מען וואַרפט אים אַריין צו אַ חיה אין שטייג
און מען פאַרווערט אים אַפילו צו שרייען:
דאָ זאָלסטו ווערן פאַרצוקט, און—שווייג!
(ווי ס'וואָלט פראָטעסטירט פּאָעט משה-לייב)
שווייג, ווייל דו האָסט ניט דאָס לשון צו שרייען.
שווייג, ווייל דו ביסט נאָך אַ גרינער און—שווייג,
ווייל קיין שרייען וועט דיך ניט באַפרייען
פון באָס מיט זיין שאַפּ—דיין גאָלדענע שטייג!
(אַזוי וואָלט געגראַמט אפשר אויך משה-לייב).


וואָלף יונין

## 18. ווינטיקער אָוונט אין בראָנקס

ליכטער טוקן זיך אין טונקלקייט,
ליכטלען פינטלדיק, ווי שטערן;
בריקן בוקן זיך צו בוכטעס אין פאַרזונקענקייט,
שטראָמען שלינגען וואָלטן און אַמפּערן.

ווינטן ווינטעווען אַף דעכער וועש צעוואַשענע:
מחנות אויפגעהאַנגענע ווייסע שאָטנס;
און אַ פייפן, ווי ביים טייוול אויף אַ חתונה,
דערטראָגט זיך פון די טעלעגראַפן-דראָטן.

אַ בראָנקסער דעמב זיפצט אַן אָפּגעבלעטערטער.
אויף די גאַסן—הינט צעשויבערטע.
אַ יונגע קאַץ, פון אָוונט אַ באַצויבערטע,
שפּילט זיך מיט אַ ליאַלקע אַ צעשמעטערטער.

(אַז וואויל איז דעם מענטש, וואָס דינגט ניט קיין צוויטן
ער זאָל פאַר אים טראַכטן, און — אָפּט — מאַכן קאַליע;
אפילו ווען מען קויפט אַ גאַרניטער אַ גרייטן,
דאַרף מען אים צופּאַסן צו דער אייגענער טאַליע.
געדאַנקען ברענגט מען פון אייגענע מילן,
אַז ניט ווערט מען אַליין ווי אין ים אַ כוואַליע,
וואָס ווערט געשטויסן אַן אייגענעם ווילן).

## 19. שלמה מאַכט שבת אין דער וואָכן...

שלמה זיצט שוין אין אַ שאַפּ, שלמה נייט שוין אויבערהעמדער;
און אין ווירבלנעם כאַפּ־לאַפּ פאַרט זיך שלמה איבער לענדער.
נאָך פון קליינוויז־אָן האָט ער ליב געהאַט די ווייטע שיינקייט,
נאָר ס'איז אים אָנגעקומען שווער (צוליב זיין יונגקייט און זיין קליינקייט)

זיך אַ לאָז־טאָן איינס־צוויי־דריי, ווי אַ פויגל און אַ פלי־טאָן
איבער לענדער פראַנק און פריי — וואוהין דאָס האַרץ וועט נאָר אַ צי־טאָן . . .

איצטער פליט ער, פליט — אַ־האַ! כאָטש זיין גוף איז אין אַ שטייג גאָר,
נאָר זיין האַרץ — אין שאַפּ ניטאָ. ביים מאַשין זיצט שלמה שווייגער.

שווייגט ער אָפּ אַ שעה, און צוויי, רוט זיך אָפּ און שווייגט זיך ווייטער;
און אין דעם מאַשין־געדריי זעט ער ווילדע, בייזע רייטער
ווי זיי רייטן אָן אויף אים און אויף אַלע אַרבעטאָרער;
ער טוט צומאָל זיך ניט קיין קרים אויף די ווילדע איבערפאָרער.

ער דערלאַנגט אין זיין געדאַנק זיינע פליגל אַ צעפּאָכע . . .
ווי פון אַ שכור'ן געטראַנק ווערט אים ליכטיק זיין מערכה.
און ער גיט זיך אַ צעפלי איבער לענדער מיט די פליגל:
שלמה איז שוין נישטאָ הי איינגעציגלט צווישן ציגל!...
פליט ער, פליט און שטעלט זיך אָפּ אויף אַן אינדזל פון די ביכער;
קיינער יאָגט ניט „האַרי־אָפּ", קיינער שרייט ניט „גיכער, גיכער".

ער טוט די פליגל אויס פון זיך, טוט זיך אויס פון זיינע יאָכן
ווי פון פרעמדע ענגע שיך און — מאַכט שבת אין דער וואָכן.
ביז... אַ קול — שמערגל־פּאַפּיר — גיט אַ ריב אין אויער שלמה'ן:
„הערסט ניט ווי איך רעד צו דיר? ס'קוקסטו דאָרטן אויפ'ן קוימען?

דאָ איז אַמעריקע, יעס, סער; טראַכט אויף דיין צייט, ניט אויף מיינער!
און חוץ דעם — טראַכטן זאָל אַ פערד, ווייל דער קאָפּ איז גרעסער זיינער . . ."
שלמה שטעפּט שוין ווייטער שטעפּ, שיסט די העמדער ווי אַ וויכער;
און שווינדלען — ווי פון שווינדלטרעפּ — שווינדלט אים פון „גיכער, גיכער!..."

# 20. צווייפל נומער איינס

ס׳קאָן ניט זיין, אַז דאָס זאָל זיין אַמעריקע — אָ, ניין!
דאָס איז אַפילו ניט ניו יאָרק, און ניט קיין שאַפּ
— האָט שלמה זיך אַליין געגעבן צו פאַרשטיין.

ס׳איז בלויז מיין אייגענער שלימזל, אַט וואָס ס׳איז —
והא ראיה: מיליאָנען מענטשן אַרבעטן, ווי מענטשן . . .
ס׳איז נאָר פון גורל מיינעם אַ קאַפּריז:

„מען דאַרף דעם בחור אויספּרובירן, זען ווי האַרט
זיין ווידערשטאַנד קאָן זיין, און זיין געדולד;
זאָל ער זיך צוערשט דערשפּירן אָפּגענאַרט.״

ס׳איז דער באָס קיין באָס ניט, נאָר אַ נאַר,
וואָס האָט דאָס היגע לעבן ניט באַגריפן און ער מיינט,
אַז אַלץ איז געלט און פּרעס און אַ ציגאַר.

וואָס ווייסט אַזאַ מין ייד פון תוכן, וואָס?
ער יאָגט זיך, ווי דאָס רעדל פון מאַשין, נאָך זיך אַליין
און געדענקט שוין ניט אַפילו פון אַמאָל קיין צורת־אות.

ס׳קאָן ניט זיין, אַז דאָס זאָל זיין אַמעריקע — אָ, ניין!
דאָס איז אַפילו ניט ניו יאָרק, און ניט קיין שאַפּ
— האָט שלמה זיך אַליין געגעבן צו פאַרשטיין.

## 21. נאָכ'ן טאָג אַרבעט

נאָכ'ן טאָג אַרבעט פאָרט מען אַהיים,
ווער — צו פיר ווענט, ווער צו משפחה;
ס'פאָרט שלמה און טראַכט: אַ מענטש איז פון ליים,
אַז מען היט אים ניט אָפּעט, ווערט ער צעבראָכן.

ס'פאָרט שלמה און טראַכט: אויך אַ ייד איז אַ מענטש,
אַ מענטש ניט פון ליים, נאָר פון שטאָל און פון אייזן;
און כ'לעבן — דאָס לעבן איז אָן אַ פאַרענטש...
און מאַלע וואָס נאָך ער געפינט פאַר אַ גרייזן.

און ער פלעכט אַ געדאַנק נאָך אַריין אין דעם קראַנץ:
אַ ייד אין אַמעריקע צו וואָס איז געגליכן?
— אָ, ער איז געגליכן צו אַ וואַסער־פלאַנץ,
וואָס וואַקסט פראַנק־און־פריי ווי אַלע איכ'ן

אין אָט דעם לאַנד, אין דעם פרייען לאַנד.
נאָר קיין קינסטלעכן בונד קען מען ניט דערפינדן:
פון געוויקס מיט דער ערד מוז זיין אַ פאַרבאַנד
אויף האָבן די וואָרצלען צו וואָס צוצובינדן!

דערווייל, אָבער, וואַקסן דאָ יידן אין דר'הויך
און אונטן איז פוסט, ליידיק די טיפן;
און אויב אויף באַרימען, איז העכער אַ רויך — — —
ס'האָט שלמה דעם ביטערן אמת באַגריפן.

(וויטער פון זיך קאָן קיינער ניט אַנטלויפן,
האָט געזאָגט — צי ס'האָט געזאָלט זאָגן — אַ חכם;
ווען אַ מענטש זאָל ניט קאָנען אָפּשרויפן די שרויפן
פון זיין אייגענער שפּאַנונג, וואָלט שוין געוועזן נאָך אים.
נאָר אַ שטיקל חילוק איז פונדעסטוועגן פאַראַן:
איינער פליט אין הימלען אויף אַן עראָפּלאַן
און קאָן זיין נידעריק געפאַלן,
און אַ צווייטער גייט אין טיפן און דערהייבט זיך —
ס'טרעפט זיך אַזוינס, פאַרפאַלן!..)

## 22. ויברח — און ער איז אַנטלאָפן...

ביינאַכט איז ער אַוועק אין די אַלייען פון שלאָף
זיך אויסבאַהאַלטן פון געדענקעניש;
נאָר מערער פון אַלץ האָט שלמה געהאָפט
צו אַנטלויפן פון דער בענקעניש.

צוגעפאַלן איז ער צו דעם שטילן בעט
מיט אַ מידקייט אַזאַ שווערלעכער,
ווי אַ גראָז אויף לאַנקעדיקן איבערבעט
נאָך אַ שטורעם אַ געפערלעכן.

דער דופק האָט געקלאַפּט מיט אַ פאַרדומפּענעם הילך,
אַרום די שלייפן — אַ מין דרייעניש;
ער האָט זיך דערזען: מיט הויזן פון דרילך
אויף פעלדער זון־פאַרגייעניש.

אַ באָרוועסער לעכערט ער דעם פייכטלעכן זאַמד
און זיין גאַנצע דרייצניאָריקייט
וויל זיך דערשלאָגן צום האָריזאָנטיקן ראַנד
מיט דערביימערדיקער האָריקייט.

ברעגן פון הימל, זוים פונעם פעלד
פון איין שטיק צונויפגעוואַקסענע;

קעגן־איבער דעם מערב אַ לבנהדיקייט געלט
מיט געלקייטן וואַקסענע.

בלויז אַ ריר־טאָן מיט דער האַנט דעם געהיימען געוועב
פון טאָג מיט פאַרנאַכטיקייט
און אַרונטערגיין אַהין דורך די וואָלקנדיקע טרעפּ
בלייבן אין דאַכטיקייט.

שוין באַלד זיך דערשלאָגן צו דער געגאַרטער שוועל,
צו יענער אומדערגרייכלעכקייט . . .
און — פּלוצים בלייבט ער שטיין, ווי אַ חלומדיק געמעל
אין ערב־נאַכטיקער ווייכלעכקייט.

די לייטערדיקע פליגלען פון ווינטמיל ביי דער זייט —
אָ, אייביקע פאַרבלענדעניש!
וואָס נענטער ער קומט צו דער אָפּגערוקטער ווייט,
אַלץ ווייטער די דערנענטערניש — — —

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך מידער ווי געוועזן,
נאָר רייפערער, דערוואַקסענער;
האָט אָנגעטאָן צוריק זיינע יאָרן און דערזען,
ס׳גרויט זיין קאָפּ דער פלאַקסענער . . .

# 23. מאַנהעטן

## א.

ביסטו אַמאָל אַריינגעפאַלן אין מאַנהעטן
אין סאַמע „ראַש“ און רויש און ר ע ש ?
מיליאָנען לויפן און צעטרעטן
טראַכטערס, טרוימערס אין מישמאַש
פון דער ניו יאָרקער לאַווע,
וואָס שטראָמט מיט מענטשן־פיס צו אויטאָמאַטן,
קאַפעטעריעס, רעסטאָראַנען
אַ כאַפּ צו טאָן אַ סענדוויטש און אַ קאַווע
און באַשטאַטן
דעם אומרו ביי אַ טישל. ווי אויף אָקעאַנען
ווילדע כוואַליעס, טראָגן זיך די שטראָמען:
מענטשן־פיס און אויטאָ־רעדער
איבער עוועניוס און גאַסן. קראָמען
אָנגעפּראָפט מיט בגדים, עסנוואַרג און לעדער,
מיט צירונג, ביכער, מיט אַנטיקן
אימפּאָרטירט פון עקן וועלט;
און גליקן
גאָלדענע וואַלגערן זיך אין גרויסן דרויסן,
גליקן — אין אַלע מאָסן, גרויסן.
וואָס ס׳פעלט, איז בלויז קוראַזש
זיי אויפצוהייבן און — פאַרלירן
דאָס אייגן פּיצל לעבן אין מיראַזש
פון גרעסטן מדבר אין דער וועלט:
מ אַ נ ה ע ט ן .

## ב.

סוף־וואָך. פריער באַגינען.
אויסגעזויגן רויש און קלאַנג
פון עוועניו און גאַס. די שלאָפן רינען
פון באַשטאָרטע פענצטער. און לאַנג
ציט זיך די שטילקייט איבער הויך
און לענגען, ווי זויגערס עלעקטראָנישע
אַרויסגעזויגן וואָלטן אויך
אַלע מענטשן — אַלע טומל־טראָפּנס.
זילבערנער בראַסלעט לבנה׳שער
הענגט ווי אַ סימבאָל צוקאָפּנס
פון אַ פאַרלאָזטער שטאָט:
די צירונג בלייבט —
דאָס געהערט צו גאָט.

ווי קיינער וועט שוין קיינמאָל נישט באַטרעטן
אָט דעם כרך —
קיין שומר נישט, קיין וואַך
אָפּצוהיטן אַזאַ אוצר שטילקייט, שיינקייט
און אַליינקייט:
מ אַ נ ה ע ט ן.

(שרייבער שרייבן ביכער, מאָלער מאָלן געמעלן —
ווער פאַר דער אייביקייט, און ווער פאַר מעת־לעת׳ן;
פאַר מענטשן, אָבער, פּשוט׳ע געגנוג איז אָנצוקוועלן
פון אַ פאַמיליע־פּאָרטרעט, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן!)

# 24. פאַמיליע-פּאָרטרעט

## א.

אויף עוועניו בי איז אַ פאָטאָגראַפטשיק פאַראַן,
„אַן אמתער אַרטיסט פון פיקטשעס און פּאָרטרעטן";
צו אים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט סעידי מיט איר מאַן
אין אַ זונטיק בייטאָג און שלמהן אויך פאַרבעטן.
געקומען בגעוואַלד איז אויך „דער קאָזין סיד"
און דער ייִנגערער, הענק, מיט זייער שוועסטער עטלען;
נאָר דער פעטער איז באַשטאַנען: ווי איך בין אַ ייִד—
שלמה מוז אויך קומען מיט אונדז זיך פּאָרטרעטלען.
ס׳איז שלמהן לכתחילה ניט געווען צום האַרצן שטאַרק,
נאָר דעם פעטער צוליב איז ער דעם זונטיק געקומען.
דער פאָטאָגראַפטשיק ט׳אַרויסגעשלעפּט אַ לייוונט מיט
„אַ באַרג"
און דעקאָרירט די זייטן מיט פּאַפּירענע בלומען.
דער מומען האָט ער באַזעצט אויף אַ פּלישענעם פאָטעל,
אַף אַ בענקעלע זיך שטעלן האָט ער באַפוילן דעם פעטער;
די בנים ביי די זייטן — ווי וועכטער צעשטעלט,
און עטלען מיט שלמהן באַזעצט אויפן טרעטער.
נאָך דעם האָט געמומען פאָטאָגראַפטשיק „מיסטער עם"
—אַזוי האָט אים געהאַלטן אין איין רופן די מומע—
זיך אָפּגערוקט פון ווייטן, האָט פאַרהויבן אַ ברעם
און אָפּגעמאָסטן אַלעמען מיט אַ מינע אַ קרומער:
„איר, זייט אַזוי גוט, לייגט אַרויף די רעכטע האַנט
אויפן אַקסל פון דער מיסעס—יאָ, איר, אָדם הראשון!
און גיט אַ דריי דעם קאָפּ אויף לינקס, צו דער וואַנט,
דאַטסראַיט! איר פאַרשטייט?—עס מוז זיין קאָמפּאָזישאָן...

איצט וועל איך אייך בעטן, זיצט רואיק אַלע, פּליז—"
מיטאַמאָל האָט ער פאַרוואָרפן אויפן קאָפּ אַ פּאַטשיילע;
ער האָט געקוקט אין אַפּאַראַט און האָט געבריקעט מיט די פיס
ביים אַרבעטן מעשים מיט זיין פאָטאָגראַפישער כלי.
ווי ער וואָלט זיך מיטן עולם אין באַהעלטעניש געשפּילט—
און ווידער טוט אַ שווים אַרויס זיין קאָפּ מיט דער טשופּרינע:
„ניט הוסטן, ווען אַפילו ס'איז דאָ אימיצער פאַרקילט!
און מאַכט אַ שיינע פּאָזע מאַכט, אַ פריילעכע מינע!"
ער האָט שיין-וואַרפער געציילעוועט, די אָפענע לענז
פאַרמאַכט מיט אַ דזשימדזשיק, און אַ נעגאַטיוו פאַרשיבערט;
ווי אַ נעבעכדיק הענדל צווישן פעטע גענדז
האָט שלמה אויסגעזען אין דער קרובהשער מסיבה.
„רעדי?—איך גיי שיסן. כ'בעט אייך: ניט קיין ריר!"
ס'איז יעדערער געבליבן, ווי אין שרעק פאַרגליווערט — — — —
אַזוי ווי איינער וואַרט עס זאָל פּלאַצן אַ געשוויר,
האָט איטליכער געוואַרט, אַז דער עסק זאָל אַריבער.
סוף כל סוף איז אָנגעקומען די וויכטיגסטע מינוט:
אין אַ פּענכערל אַ קוועטש און—אָפּגעפּאָרטרעטלט!
„איצט לאָמיר נאָר האָפן, אַז ס'וועט אַרויסקומען גוט,
ווייל די פּיקטשע עלן מיר שיקן אין אַ יוראָפּשן שטעטעל..."

ב.

אַרויס איז די כאַליאַסטרע, ווי פון נאָך אַ שוויץ.
די מומע האָט זיך צ'ריק גענומען פירן די קאָמאַנדע
און אַ דעקרעט אַרויסגעגעבן: „ליסן טו מי, קידס—
אויב שוין יאָ אויף דער איסטסאַיד, וועט עס זיין אַ שאַנדע
אויסצומיידן האוסטאָן סטריט. יו ליסינינג, צי ניט?
מיר גייען עסן קנישעס מיט זויערמילעך קאַלטן!"
ווי ס'וואָלט דער טראָטואַר אונטער די פיס געבריט—
געשפּאַנט האָבן מיט גיכע טריט „פאַרהונגערטע געשטאַלטן"...

## 25. זעקס נפשות

געפירט האָט די פּאָסט קיין אייראָפּע אין טאָוולען פּאַרפּאַקט
אַ פּאָרטרעט פון זעקס יידישע נפשות אין אַמעריקע:
שימע-עליע דער פּרעסער—נאָך אַלץ אין מיט פונעם טראַקט,
האַלב „דאָרט", און האַלב-הי צווישן שטראָמען ביז אַהעריקע.
שאָשע, זיין ווייב, וואָס שווימט אויף דער פלאַך, ווי עס שווימט
אַ ליידיקע פּאַס—איר איז וואויל אָן געדאַנקען, און גרינגער;
סידני—אַ שפּילער פון בעיסבאָל, וואָס הייבט אָן צו ווערן
באַרימט,
און דער יינגערער, הענק, וואָס וויל לעבן „פון אייגענע 10
פינגער".
עטל—נאָך איינע פון אַלע מיליאָנען,—וואָס טרוימט טאָג און
נאַכט
צו ווערן אַ פילם-אַקטריסע און שטודירט שוין אין שפּיגל;
און שלמה מיט׳ן יידישן באַגאַזש, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט —
אים פירט די פּאָסט קיין אייראָפּע מיט אָפּגעהאַקטע פליגל...

(אַז אַ בחור זיצט אין פּאַרק צווישןביימער
און זעט ווי פּראָסטע וואָראָבייטשיקלעך אַ ליבע שפּילן,
וועקט זיך אויף אין אים אַ ווילן אַ געהיימער
און ס'רוישט אַ וואַלד אין אים מיט ליכטיקע געפילן.
די ליבע, אוי די ליבע איז נאָך אַלץ ביז היינט
פון אַלע שנאהס אויף דער וועלט דער גרעסטער שונא;
נאָר קיין מענטשן האָט די ליבע נאָך ניט פיינט,
און אַ מענטש איז אויכעט אונדזער בחור שלמה.)

# 26. אין פּאַרק

אָנהייב נייַנצן דרייסיקער, ניו יאָרק. אַ דורכזיכטיקער מאַי-טאָג,
אַז דער מאָרגנדיקער טאָג זעט זיך אַרויס! בלאָע שפּיגלען
אַלע הימלען — פון צוקאָפּנס ביז אַנטלויפנדיקע ווייטן.
יעדנס קול, ווי פון אַ זילבער-גלאָק.
אויף ביימער שפּראָצן בלעטער און אויף מענטשן—פליגלען.

פאַרגאַפט זיצט שלמה אין אַ פאַרק און הערט ווי ס'טריפט
אַ קוועלכל צווישן קוסטעס. פאַר אים איז אַלץ נאָך גאָלע וואונדער
די ערד מיט אירע ווידמונגען, דער ווינט וואָס איז פאַרליבט
אין מינדסטן שפּראָצל אַז ער קושט עס
אַזוי שטאַרק פאַר אַלעמען אין די אויגן אַמאָל הונדערט...

מיטאַמאָל אַ וואָראָבייטשיקל אויף דינע פּיסלעך לאַנדט,
זיין שנעבעלע הייבט אָן צו נישטערן צווישן גראָז און פלאַנצן;
אַ וואָראָבייטשיקל אין נייע פעדערלעך—אַ גאַנצער פראַנט!
און באַלד נאָך אים, אָ, קוקט זי אָן:
זיין פרוי, וואָס הערט ניט אויפעט אַרום אים צו טאַנצן.

שלמה לאָזט קיין אויג פון פּאָרל ניט אַראָפּ, און ער דערזעט:
דער„ער" געפינט אַ ברעקעלע, צעשפּאַלט עס. און האַלב-צעביסן
לייגט ער עס אַריין צו איר אין פּיסקעלע, ווי איינער רעדט—
האָסט, מיין פייגעלע, כשר זיך פאַרדינט,
דו זאָלסט ביי מיר פון גרייטן אַלדאָס גוטס געניסן.

## 27. דער אָנהייב פון אַ ליבע

באַגעגנט האָט זי שלמה אויף אַ יידישן קאָנצערט
(איצט קומען זעלטענער אויף אַזעלכע אָוונטן די יונגע) ;
זי איז געזעסן מיט אַ ריי פּאָרויס, געשפּירט : זי ווערט
פון אַ פּאָר פלעמלדיקע אויגן אונטערגעצונדן. געזונגען
אויף דער בינע האָט אַ זינגערין מיט האַרץ און שטים
לידער פּשוטע און היימישע ניגונים ;
אָבער אויסגעזונגען, ווי בלויז פאַר איר און אים,
האָט זי ביאַליק׳ס ליד „איך האָב אַ ברונעם..."
ס׳ערשטע מאָל, אַז ס׳טרעפט ער זאָל זיך אָננעמען מיט האַרץ.
ביים אָנקום פון אַנטראַקט איז שלמה צוגעגאַנגען
צום פרעמדן מיידל : „אָט אַ ליד אַ צאַרטס !
ווי געפעלט זי אייך, די זינגערין ? און די געזאַנגען ?"
ס׳מיידל איז געבליבן שטיין אַ ווייל און ניט געוואוסט—
ענטפערן, צי מאַכן זיך ניט וויסנדיק פון זיינע ווערטער ?
נאָר שלמה האָט זיך אָנגעהייבן רויטלען, זיך פאַרהוסט :
„...מיר זענען שכנים, ס׳הייסט מיר זיצן אויף שכנות׳דיקע
ערטער."

— אָ, יאָ ? — זי האָט זיך זיכערער דערשפּירט. ס׳האָט איר מוט
אַ ביסל צוגעגעבן זיין פאַרענטפערונג „מיר זענען שכנים"—
די זינגערין איז אויסגעצייכנט און די לידער זענען גוט,
און ביאַליק׳ס ליד איז אַזוי שיין, אַז ס׳ווילט זיך וויינען.

סוף אַנטראַקט. דער ווערטער-בייט ווערט אָפּגעהאַקט אין מיט.
ביידע האָבן זייערע שכנותדיקע ערטער צוריק פאַרנומען ;
דעם זאָל פאַרקלינגט שוין „אויפן וועג שטייט אַ בוים... פּאָרט
אַ ייד"
נאָר די ביידע הערן אַלץ נאָך ביאַליק׳ס „כ׳האָב אַ ברונעם..."

געענדיקט האָט די זינגערין. דער עולם טרעט ניט אָפּ.
ס׳הילכן-אָפּ אַפּלאָדיסמענטן, אויסגעשרייען:
זינגט „דו נאַארישער בחור, דו נאַארישער טראָפּ!...״
זינגט דאָס ליבעס-ליד „אוי, ווען די שיפן טיען גייען!״...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרויסגעגאַנגען יענעם פרילינגדיקן אָוונט פון קאָנצערט
איז אַ ניגונדיקער עולם אַזאַ היימישער;
פון אַ זייטיק פּאַרקל אויף דער גאַס האָט זיך דערהערט
אַ יונגע בלעטער-בלעטלעריי, אַ רויש אַ ביימערשער...

שלמה איז פון זאַל אַרויס מיט איר, ווי אַלטע פריינט:
— דער סוף איז גוט, כ׳ווייס אַפילו ניט דעם נאָמען אייערן.
— איר זאָגט מיר אייערן צוערשט, וועל איך...—אָ, מיין,
מיין אַלטער נאָמען? שלמה. און כ׳האָב נאָך ניט קיין נייערן.
— צו וואָס אַ נייערן? שלמה איז אַ שיינער נאָמען. מיך
רופט מען דינה. כ׳האָב אויך אַ נאָמען פיינט איבערצוקערן;
אויב איר גייט צום סאָבוועי, איז לאָמיר גיין אויף גיך,
ווייל מיין מאַמע אין דער היים וועט זיכער איבערקלערן.

געגאַנגען איז מען שוין דעם איבעריקן וועג אָן רייד
אוןביידע האָבן זיי געשפּירט די זעלבע שפּירונגען,
ווי באַגלייט וואָלט זיי דאָס אומעטיקע שפּילן פון אַ פלייט...

(„וואו איז דאָס געסעלע, וואו איז די שטוב?"
ווער איז דאָס מיידל, וואָס שלמה האָט ליב?
— איצט זינגט מען עס אַנדערש, כאָטש אויב איר ווילט,
ווערט אַמאָליקע ליבע היינט איבערגעשפּילט.)

## 28. דער טאַטע האַלט אַ קענדי-סטאָר

דער טאַטע האַלט אַ קענדי-סטאָר, די קענדי-סטאָר האַלט אים,
גייט ער שלאָפן צוועלף ביינאַכט און שטייט אויף פינף באַגין.
און דאָס גאַנצע הויזגעזינט דעם טאַטן העלפט אַרויס,
ווייל פּאַרדינסטן זענען שוואַך און דער עול איז גרויס.

ווען אַלע שלאָפן נאָך אין בראַנזוויל, שטייט דער טאַטע אויף
און לאָזט זיך לויפן מיט געדאַנקען אַזעלכע צוגעשרויפט:
„אוי, גאָטעניו, דו טייערער, ווען זיין זאָלסט אויף מיין צד,
וואָלט איך קיין ,סוחר' ניט געוועזן פון טשואינגאָם, שאָקאָלאַד..."

ווי נאָר ער קומט צום קענדי-סטאָר, ליגט שוין די גאַנצע וועלט
אין די פּעק מיט צייטונגען גרייט פאַר זיין געשטעל.
נייעס-קעפּלעך שרייען שטום פון יעדן בלאַט אַראָפּ:
דער וועלט טוט וויי, ניט דאָ געדאַכט, איר פּאַרדרייטער קאָפּ.

אַ קענדי-סטאָר מיט סעלצער-וואַסער, זיסוואַרג—און וואָס
ניט?!—
וואָס האַלט אַ יונגן דור צו זיך מיט קייטן צוגעשמידט.
דעטעקטיוו-מעשיות און מיסטעריעס מיט בילדער אילוסטרירט,
און ווי אַזוי מען פירט אַ ליבע, אָדער מען פאַרפירט—

קריגסטו פאַר אַ דאַים, אַ קוואָרטער: לייען, לייד, פיל-מיט
און זע ווי די פאַרפירטע, נעבעך, האָט זיך אָפּגעבריט!
„פאָניס" הונדערטער פאַר קליינוואַרג שרייען מיט קאָליר:
צוגעגרייט אַ וועלט מיט קליאַטשע שטייט אויף, קינד, פאַר דיר.

אַ קענדי-סטאָר, אַ קענדי-סטאָר—טאַ, וואָס-זשע איז עס פאָרט?
—דאָס איז אַ קלוב, אַ צענטער איז עס און אַלץ וואָס אין דער
קאָרט;

אַ טעלעפאָן-צענטראַלע און אַ ראַנדקע-אָרט, אַ פּונקט
וואו יונג און אַלט באַגעגענט זיך ביים אייזקרים און ביים טרונק,

וואו סעלצער-וואַסער איז שאַמפּאַניער פאַר מענטשן פון דעם
גראַד,
וואו ס׳הייבט זיך אָן אָפטמאָל אַ ליבע ביי מילך מיט שאָקאָלאַד.
דאָרט פירן בחורימלעך וויכוחים וועגן בעיסבאָל, פּאַיטס
און קולות מישן זיך צונויף—קינד און קייט און לייטס...

אַ קאַרגער, וואָס פאַרגינט ניט קיין גוט יאָר אויף דיין באַגריס,
קומט דאָ לייענען צייטונגען יעדן טאָג אומזיסט
און שרייט נאָך אָן, און בייזערט זיך אויף קונים מיט אַ כעס :
„קראַנק צו קויפן צייטונגען אויף אַ צווייטער גאַס !...״

אַ גאַנצן טאָג דער טעלעפאָן צו קלינגען הערט ניט אויף—
כאָטש ווער אַ שיק-אינגל פאַר אַלע, שטעל-אָפּ דעם פאַרקויף ;
אַ מיידל האָט טעלעפאָנירט : „מאַ, היינט זייגער דריי,
איך גיי קריגן האַסינע. וויש מי לאָק. גוד באַי...״

אַזוי גייט-אָן טאָג-אויס, טאָג-איין,—זעקס טעג אין דער וואָך—
בלויז שבת איז דער טאַטע דינה׳ס אויסגעטאָן פון יאָך.
„שבתים און יום טובים איז געשלאָסן דיעזע סטאָר״—
הענגט אַן אויפשריפט אויף דער טיר די לעצטע צוואַנציק יאָר.

צום ערשטן מאָל, אַז דינה׳ס טאַטן האָט הנאה שטאַרק געטאָן,
וואָס אין זיין קענדי-סטאָר געקלונגען האָט דער טעלעפאָן ;
ער דאַרף ניט רופן פרעמדע טעכטער, נאָר זיין אייגן קינד
און צוגעלאָפן איז זיין דינה, ווי עס לויפט אַ ווינט.

—העלאָ, שלמה !... און דאָס האַרץ איר׳ס האָט געצאַפּלט שנעל.
פון דער וויטנס האָט דער טאַטע דינה׳ס אָנגעקווועלט...

## 29. יענע סוף נאַכט

בריקן אין גרויען פאַרנעפּלטע,
הייזער געשטריקטע פון שלאָפן ;
אויף עטלעכע שטערן פאַרקנעפּלטע
הימלען מיט נאַכטיקע סופ׳ן.

נאַכט גייט צו נעכט אונטערערדישע,
גייענדיק שווימען געשטאַלטן ;
הילכיקע קאָפּיטעס פערדישע,
באַפּלעשלטע וועגענער מילכן,
הילכן-אָפּ אויף האַרטע אַספאַלטן
מיט גלעזערנע הילכן.

אויגן מיליאָנען מיט שלאָפעניש,
העלפן אין שלאָף קאָן זיי קיינער ;
יענע, וואָס קענען ניט, שלאָפן נישט
און בלייבן אַליין און אַליינער.

* * *

ביי דינה׳ן אין הויז סוף-נאַכט
האָבן טאַטע און מאַמע געהערט,
ווי ס׳האָט זייער טאָכטער געטראַכט...

## 30. די וויליאַמסבורג־בריק

### א.

די וויליאַמסבורג־בריק פאַרוואַרפט אירע הענט
פון מאַנהעטנ׳ס איסט סאַיד צו ברוקלינער ברעגן;
און הינטער דער בריק — אַ גאַנצע וועלט ברענט
און ווערט ניט פאַרלאָשן פון גרעסטן גוס־רעגן.
דאָרט שפּילן זיך יונגוואַרג אין גענגסטערס און רויב,
דאָרט שלאָפן משפּחות אין זומערנע היצן;
און דאָרט ווייסן קינדער דעם פּרייז פון אַ טויב
און ווער ס׳דאַרף, ווי לאַנג, אין טורמע נאָך זיצן.
קאָנסט דאָרט נאָך הערן אַ שמידישן קלאַנג
וואָס שטאַמט פון אַ קוזניע בשכנות צוויי גאַסן,
און זען אין דער לופט אַ פּאַפּירענע שלאַנג
מיט פלאַמיקע עקן, ווי רויטע לאַמפּאַסן.

### ב.

ס׳איז שלמה געשטאַנען אויף וויליאַמסבורג־בריק,
געזען ווי די שטאָט ליגט אויף טיילן צעשפּאָלטן,
און געהערט ווי דער ווינט צאַפּט־אָן פלעשער מוזיק
צו באַשפּריצן דעם מענטש דעם צעשטויבט־און־צעמאָלטן.
אַריינגעזיפּט האָבן זיך שטערן אין שטראָם,
אין צעקאַלויטעטן שטראָם פון איסט ריווער;
ווי אויף אַ בילד — ערשט אַרויס פון אַלבאָם —
איז שלמה געשטאַנען פאַרגאַפּט אין אַ גליוווער.
בלויז ס׳האַרץ האָט געפּייקלט, ווי דריבנער שרויט
וואָלט אויף אַ טרוקענער פּעל זיך צעשאָטן;
דינה׳ס קול האָט געטראָגן זיך אונטער זיין הויט,
ווי ס׳וואָלט אַריבערגעפלאָסן פון טעלעפאָן־דראָטן.
אין אַ בלוילעך געוועב הענגט די וויליאַמסבורג בריק,
אין געוועב די צעריסענע שטאָט ווערט פאַרשפּונען — — —
אויף שלמה׳ן — די פידל — אַ ווינטיקער סמיק
שפּילט־אויף אַ ניגון, וואָס ווערט אויסגערונען — — —

# III

(קאָלומבוס, זאָגט מען, האָט שוין אַמעריקע אַנטדעקט,
נאָר ס'איז שוין צייט עס ווידער צו אַנטדעקן;
די פּרוי, וואָס ווערט ניט מיד ביים האָפּן האַלטן אויסגעשטרעקט
איר האַנט אין לופטן, וועט דערפון זיך ניט דערשרעקן.
לאָמיר אַ קנייס־טאָן אויפן לעבן פון אַ זייט,
זען מי ומי ההולכים און „עפּענען די ביכער";
רעכט, אַז יידן אין אַמעריקע זיינען גאָר אַלראַיט,
כאָטש וועגן דעם איז שלמה ניט געווען אין גאַנצן זיכער.)

## 31. מגילת בויען

האָבן זיך יידן געצויגן אַהערצו פון אַלדי-עק וועלט
מיט קלימיקלעך, פּערענעס, קערב, בעבעכעס, כליב,
מיט ווייקשאַפן, זאַליץ-וויגן, זילבערנע לייכטער... געפעלט
האָט אַפילו ניט ס׳קופּערנע קווערטל, וואָס פלעגט
אויסגעשטעלט
זיין מיט געשייערטע פאַנען אין קיך. און די שרעק פאַר ערלים
האָט די יידן באַגלייט מיט דער פור און דער באַן ביז דער שיף ;
ערשט דאָרט, אויפן ים, האָט מען אָנגעהייבן אָטעמען פרייער.
ווען אמתער פרייהייט האָבן יידן געקראָגן דעם ערשטן באַגריף,
ווען זיי זענען—נאָך וואָכן זיך וויגן—אַרונטער פון שיף
און באַטראָטן די ערד פון דער וועלט אָט דער נייער.

יאָרן מיט פחד, געפאַר, מיט פאַרבאָט און מיט „ניין !״
אַזויפיל צעטראָטענע ווילנס, אונטערדריקטע פון דורות,
האָבן אַרויסגעפּלאַצט דאָ, אויפגעריסן דעם פעלזיקן שטיין
פון אינדזל מאַנהעטן ביז וויטסטן פאַרוואָקסענעם פלעין :
לאָמיר זען, פעלקער—דאָ, אויף דער פריי—ווער דער בכור איז!
און אַוועק אין אַ ווילדן געיעג אויף געבוי און באַשאַף
פון בריקן אויף טייכן ביז טורעמס צו הויכן פון שטערן
איז אַ יידישער שבט : אנשים און נשים וטף —
זע, גאָטעניו, דו זיי אָן עדות ! זע, וועלטעניו, דו אויך און גאַף !
קוק אָן די וועלדער מיט שטעט, מיט די גאַסן און סקווערן !

זענען יידן געגאַנגען אין שאַפּ און פאַבריק און ווערקשטאַט
און אַנדערע האָבן זיך דווקא גענומען צו טאָן דאָ מסחרים ;
איטלעכער האָט אויף זיין אופן צום לעבן געזאָגט „הרי את״
און איטלעכער איז אויף זיין שטייגער געוועזן אַ סאָלדאַט
באַוואָפנט מיט ווילן און איינפאַל, ניט מיט קיין ביקס אויפן אָרעם,
אין פאַרמעסט פון געבוי און באַשאַף אין אַ לאַנד,
וואו פרייהייט איז דיין פאַספּאָרט, דיין פאָן און דיין גלויבן.
זי, וואָס שטייט אויפן אינדזל ביים האַפן ניו יאָרק מיט איר האַנט
אויסגעשטרעקט, זי זאָגט עדות : אָ, זעט — ניט קיין צאַם,
ניט קיין וואַנט !
באַזעצט אייך אויף ערד, אויב איר ווילט, צי אויף טורעמס
פון אויבן !...

האָט מען געני אויסגעפּלאָנט, ווי מען דאַרף, אין פּאַרויס
און פאַרגרייט זיך מיט ציגל, בעטאָן, מיט שטאָל און מיט בויער;
און אַוועק צו דער אַרבעט כּעלות, נאָך איידער די זון קומט אַרויס
געלייגט אַ געזונטן יסוד. נאָר די פאַרבויאונגען בלויז
האָט מען פאַרבויט פון אויבן אַרונטער מויער נאָך מויער.
אַזוי זענען טורעמס געוואַקסן און גאַסן, און שטעט,
ס׳האָבן ווילנס מיט כּוחות געשפּאַרט, ווי פון פּעסער די שפּונטן;
נאָר אין מיטן געיעג פון געבוי און באַשאַף און געקנעט
האָבן בויער אַמאָל צווישן זיך זיך ווי שכנים צערעדט:
איר באַמערקט? — עפּעס ליידיקלעך אונטערן האַרצן די גרונטן...

האָבן זיך יידן גענומען: צוזאַמענגענומען, געטאָן אַ באַשליס
און געשאַפן אַן „אנשי״, אַ חברה, אַ קאָנגרעגעישאָן,
אַ לאַנדסמאַנשאַפט און אַן אָרדן, און געשטעלט אויף די פיס
אַ יידישן שבט מיט אַלץ: פון בתי מדרשים און תּלמוד תּורה׳ס — ביז
בית עלמינס און כּשרע מקווה׳ס, און יאַטקעס פאַר כּשרע פליישן.
און יוניאָנס געשאַפן ווער האָט? און טאָלקן געמאַכט
אין שעפּער פון בעקערס, פון שניידערס און אַנדערע פאַכן?!
און יידיש טעאַטער, וואו אַ דור האָט געוויינט און געלאַכט,
ווער האָט אויף דער וועלט אָט דער נייער געבראַכט,
אויב ניט די יידן, וואָס זענען געקומען פון „דאָרטיקע״
שטעטלעך און „כּרכן״?!

זענען יידן געקומען אַהערצו, געקומען פון אַלדי־עק וועלט:
אַמעריקע, ביסט אונדזער היים, אויב ניט — וועסטו עס ווערן!
און געוואָרן, וואָס ס׳ווערט ווען ס׳גייט דורך אַ פאָלק היץ און קעלט,
אָבער אַלץ נאָך פאַרבליבן אַ שבט אונטער פאָן פון שטרייפן און שטערן!

## 32. ס׳איז שוין מער ניט קיין סוד

ס׳איז שוין מער ניט קיין סוד, ס׳איז באַקאַנט
שוין פון לאַנג, אַז אַ פֿאָלק מעג זיך ריכטן,
ווען עס לעבט מיט נאָך פֿעלקער אין לאַנד
צווישן שטאַרקער-און-גרעסערע שיכטן —
ווערט דאָס פֿאָלק אין אַזאַ מין פֿאַרבאַנד
פונם גרעסערן פֿאָלק איבערוועלטיקט;
און דער קלענערער ווערט איינגעשפּאַנט
צו שלעפּן דעם גרויסנס געוויכטן,
כאָטש ער האָט דאָ, אין לאַנד, שוין פון לאַנג
זיינע שטאָלצע געצעלטן געצעלטיקט,
האָט ער אין געשיכטלעכן גאַנג
פֿאַרגעסן די אייגענע פֿליכטן.

ס׳איז שוין מער ניט קיין סוד, ס׳איז באַוואוסט
שוין פון דורות — כמעט אַן אַקסיאָמע:
אַפילו געווינס ברענגט פֿאַרלוסט
אין פֿריד, צי אין צייט פון מלחמה;
ניט דער בוים אַזוי שטאַרק, ווי דער קוסט
(אינעם פֿאַרמעסט דעם באַשערטן)
וואָס זעט אַרום זיך אַלץ און גלוסט.
אויך דאָס איז שוין היינט אַן אַקסיאָמע
און ניט קיין טעות הדפוס:
אין פֿאַרמעסט פון קולטורן און ווערטן
לעבט דאָס קינד אינעם אייגענעם זכות,
אויב פֿאַרפֿלאַנצט ס׳האָט דער טאַטע נשמה.

(אויף די פעלדער וואַקסן גראָזן און אויף שטיינער — שטיין;
ווער ס׳האָט אויף יענעם זיך פאַרלאָזן, געבליבן איז אַליין.
ווי צו דעם, וואָס האָט געטרייסט זיך: „נאָר געדולד!״ —
אַלץ וואָס דאָ איז און ניטאָ איז אונדזער אייגענע שולד.)

## 33. און ס׳איז געווען אין ניו יאָרק

און ס׳איז געווען אין אַ טאָג פון יענע ברויזנדיקע טעג
פונעם בירגער-קריג, אין יאָר דעם צווייטן,
האָט אַ גרופּע רייכע יידן אויף ניו יאָרקער ברעג
אָנגעהייבן צו אַ באַל לכבוד פּורים זיך גרייטן.

און באַשלאָסן האָבן זיי, די יונגע, רייכע לייט
אַ „פּורים אַסאָסיעישאָן״*) אין דער שטאָט צו גרינדן;
די הכנסה פונעם באַל זאָל גיין פאַר אָרימעלייט,
ווייל קיין אָרימקייט, דערווייל, האַלט נאָך ניט ביים פאַרשווינדן.

ניט אַזוי די יידישקייט, ווי דאָס פּראַווען אַ באַל —
האָט יעמאָלט באַשלאָסן די גרופּע יאַהודים;
און קומען אויפן באַל מעג יעדער „גאַנץ עגאַל״ —
יידן, צי ניט יידן זאָלן פרייען זיך ליהודים...

## 34. צי האָט איר געהערט?

א.

צי האָט איר געהערט וועגן דעם פּורים-באַל,
זאָגט מיר — כ׳בעט אייך שימע עליע?
ווען ס׳איז געקומען אין אירווינג-זאַל
אַן אַמעריקאַנער זעלנער-קאַפּעליע?

אַ קאַפּעליע פון „7טן רעגימענט"
האָט אויפגעשפּילט די אמתע קאַדרילן
און דער עולם האָט געפּליעסקעט מיט די הענט,
ווען פּאָרלעך האָבן געטאַנצט ווירדזשיניא רילן.

געקומען אויפן באַל איז דער עולם פאַרשטעלט
פּאָר בעטלער, רייט-קנעכט... נאָר עד היום
ווייסט מען, אַז ס׳האָבן אויפן באַל געפעלט
געוויינליכע יידן, פּראָסטע חי וקימס.

ב.

צי האָט איר געהערט וועגן פּורים-באַל,
ווען דער מעיאָר פון ניו יאָרק**) איז אַהין געקומען
אין אַכצן דריי און זעכציק, אין אַקאַדעמי-זאַל,
און אַ פּורים-קאַדריל זיך טאַנצן גענומען?

אינעם גרויסן זאַל אויף אַ גרויסער וואַנט
איז געהאַנגען אַן אויפשריפט, אַ „מערי פּורים"
און די גרויסע קאַפּעליע — פינף און זעכציק מאַן
פונעם „7טן רעגימענט" — האָט געטאָן אַ שטורעם

מיט אַ „גרענד פּורים מאַרטש", און דערלאַנגט אַ שפּיל
אַ פּורים-קאַדריל פון יידישע ניגונים;
דער באַל איז שוין געווען מער יידישלעך אין סטיל
און אַן אסתר המלכה האָט זיך אויך געפונען.

### ג.

צי האָט איר געהערט וועגן דעם פּורים-באַל,
איידער לי און דזשאַנסטאָן האָבן זיך אונטערגעגעבן ?
אַ חודש נאָכן באַל האָט בוטה געטאָן אַ קנאַל
און צוגענומען ביי פּרעזידענט אייב'ן דאָס לעבן.

צי האָט איר געלייענט, ווי אַזוי ס'איז געווען
באַשריבן יעדער באַל אין די ענגלישע בלעטער ?
„ניו יאָרק האָט נאָך קיין מאָל אַזוינס ניט געזען !...
אַלץ שענער און רייכער מיט אַ פּורים שפּעטער !"

טויזנטער ניו יאָרקער אין אָפּערע-הויז
אויף די פּורים-בעלער זענען געקומען
מיט די יאַהודים. נאָר די יידן בלויז
איז אַזאַ מין פּייערן ניט געווען צום גומען.

### ד.

ביים אָנהויב פון יאָרהונדערט האָט אויסגעהויכט דער קרייז***)
פון פּורים-פילאַנטראָפּן זיין וואוילטעטיקן אָטעם ;
היינט איז עס אַן אויסשניט פון אַמאָליקע נייעס
און פּורים אין אַמעריקע איז שוין אויסער דער קוואָטע.

*) געגרינדעט דעם 22טען מאַרץ, 1862. איינער פון די הויפּט־גרינדער איז געווען מאַיער ס. אייזיקס, זון פון רעווערענד סעמיועל מאַיער אייזיקס.
**) מעיאָר דזשאָרדזש אָפּדאַיק.
***) די „פּורים אַסאָסיעישאָן פון ניו יאָרק סיטי" (1902־1862).

# דער פאַרלאָרענער יום טוב

(נאָך 50 יאָר געדולד — כמעט ווי אַ באַלאַדע)

קוק-אָן דעם שנייאיקן באַלעט איבער מאַנהעטן,
ווי יעדער שניי פּאַלט ווייך אויף אָנגעשנייטן שניי;
אַ שטילער ווינט שפּילט אויף פאַרשנייטע דראָטן פלאַזשאָלעטן:
פאַרגיי, געררויש, אין שנייאיקן פאַרזיי...

איינגעטונקטע עווענויס אין ערב ניי-יאָר ליכטער:
יאָ שניי, ניט שניי — ס'איז בלי-צייט פון געשעפט!
אַנאַנס געגראַמט אין פרומען גראַם פון דיכטער
שיסט אין אויגן, אויערן און — טרעפט!

עי, אַפּיקורסים — פאַר גלויביקע האָט דרך ארץ:
ס'קומט-אָן אַ יום טוב טאָג, זייט גרייט!
דער געבוירן-טאָג פון יענעם, פון נצרת — — —
און דער שניי שנייט ווייטער און ער שנייט.

אָן אומעטיקער איז אַ יונגערמאַן געפאָרן
אין געדרענג פון סאָבוויי ניטל-צייט:
אָ, ווי — טאַטע-מאַמע האָבן פאַר אים אָנגעוואָרן
זיינע אייגענע יום טובים דאָ, ניט ווייט...

ניט ווייט פון — צווישן וועלן זיין עכטע אַמעריקאַנער
און ווערן גאָר פון אַלעמען כמעט ווי גאָרניט-ניט;
ווייזט אויס, זיי האָבן ניט אינגאַנצן קלאָר פאַרשטאַנען,
אַז מען קאָן עס זיין ניט ווערנדיק אויס ייד.

פאָרט דער בחור, זוכט זיין יום טוב, ס'פעלט אים.
איטלעך פאָלק פאַרמאָגט עס, ער וואָס האָט?
און עס באַפאַלט אין מיטן טראַכטן אַזאַ קעלט אים.
און דער שניי שנייט ווייטער אויף דער שטאָט...

און פאָרנדיק אַזוי האָט ער געוואָלט זיך נעמען פרעגן:
מענטשן, אפשר ווייסט איר, וואו געפינט זיך, זאָגט? — —
נאָר ס'איז זיין צונג געליימט ביי אים אין מויל געלעגן,
בלויז די אויגן האָבן טרערנלאָז אויפן פאַרלוסט געקלאָגט.

 וואָלף יונין

# IV

(מיר וועלן איבערלאָזן געשיכטע פאַר געשיכטע־שרייבער,<br>
און צוריק מטריח זיין די העלדן פון ראָמאַן:<br>
אַנו, באַווייזט זיך, איר קינדער, מענער און ווייבער<br>
און גיט אַ שפּאַן<br>
אַריין צוריק אין אייערע באַשערטע גראַמען־בלעטלעך,<br>
ווייל דער קאַלענדאַר וויזט — עס ווערט שפּעטלעך . . .)

## 35. גבורה

דאָס שוואַכסטע גרעזעלע איז גובר
די שטאַרקסטע פעלזן־שטיינער
ווען ס'איז עובר
אויפן שטאָטישן געזעץ: קיינער
טאָר נישט וואַקסן אויף אַספּאַלטן.
נאָר אַז דאָס לעבן גיט אַ שטויס,
קאָן קיין שום כוח ניט פאַרהאַלטן
אַפילו ניט קיין גרעזל,
וואָס רייסט זיך דורך דורך פעלזן־שפּאַלטן
און הייבט אָן מיט אַ ווינט אַרומצושטיפן —
שוין, אַ תל פון אַלע אָנגענומענע באַגריפן!

## 36. וואָס טוט אַ ייד אַ פּאַרמער ?

וואָס טוט אַ ייד אַ פּאַרמער, זאָג,
וואָס טוט ער ?
וואָס טוט ער רואיק, אָן געיאָג,
ביים אויפשטיין זומערצייט פאַרטאָג ?
—ער גייט אַרויס אין פעלד
און קוקט זיך צו און קוועלט.

וואָס קוועלט דער ייד דער פּאַרמער, וואָס ?
וואָס קוועלט ער ?
ס'ליגט דאָך נאָך אין טוי דאָס גראָז
און ס'ליגט דער שלאָף נאָך אויף זיין נאָז,
נאָר דער פּאַרמער קוועלט—
ס'איז גוט אים ווי די וועלט ! . . .

ווער קומט אים אַנטקעגן אָן,
ווער ווייסט — ווער ?
ס'קומט אַנטקעגן אים אַ האָן
און זאָגט דעם ייד דעם פּאַרמער אָן :
קוק, קוקעריקו—
אַ גרוס דיר פון דיין קו.

בלייבט דער ייד אַ ווילע שטיין,
טראַכט און קלערט :
גאָט, דיין וועלט איז אַזוי שיין,
נאָר מיר — מיר זענען אַזוי קליין
און אין דיין גרויסער וועלט
ווערן מיר פאַרשטעלט.

„זינדיקט ניט און הערט מיין ראָט,
ר' פּאַרמער-ייד !
זעט, מענטשן וואוינען אין דער שטאָט
פאַרשטעלט פון הימל און פון גאָט"
אַ ווינטל טוט אַ מעלד,
און פאַרשווינדט אין פעלד . . .

צוויי בערעזעס — עדות דאָ —
שאָקלען מיט די קעפּ :
„ס'ווינטל איז גערעכט — יאָ, יאָ !

וואָס איר האָט דאָ, איז דאָרט ניטאָ..."
נאָר ווער איז שולדיק, ווער,
אין גאַנצענעם פאַרשווער ?

שולדיק איז דער דיכטער גאָר,
שולדיק! — ער גיט צו ;
אַנשטאָט אַ זמר אין מינאָר,
זינג פון וואַלד מיט גרינע האָר
און לאָז דעם פאַרמער, לאָז
טראַכטן אַליין אין גראָז.

טראַכט דער ייד אין פעלד פאַרטאָג—
וואָס טראַכט ער ?
—ווען ס'טוט אַ רעגן היינט אַ צוואָג,
דעם פעלד וואָלט צוגעקומען וואָג
און פאַר דער תבואה וואָלט
געווען אַ רעגן — גאָלד !

נאָר דער הימל בליט אין בלוי
אָן אַ וואָלקן-פלעק ;
און אין דער זון צעגייט דער טוי,
די תבואה וואַקסט זיך שטיל אַזוי.
—נאָך וואָס דאָס יאָגן, זאָג ? !
ס'איז גרויס גענוג דער טאָג.

ס'קומט צום פאַרמער אָן אַ גאַסט,
ווער איז ער ?
ס'קומט צום פאַרמער אָן אַ גאַסט,
וואָס טראָגט אויף זיך די גרעסטע לאַסט,
די גאַנצע וועלט טראָגט ער
און ס'איז אים נעבעך שווער.

(ווען־זשע וועט דער גאַסט, אַ, ווען
קומען אָט אַהער ?
ער וועט דאָ קומען, איר וועט זען,
פון ניו יאָרק, אימירצעשעם,
ווי דאָ באַשריבן ווערט —
אַזוי איז אים באַשערט . . .)

(גוט אַז ס'פאַרוואַלגערט זיך וואו דאָרט אַ קרוב אין דאָרף,
ווי אַ סלאַי מיט פאַרגעסענעם איינגעמאַכטס ערגעץ אין קעלער;
די דערמאָנונג אַליין שמעקט מיט גראָז, מיט מיסט און מיט טאָרף
און וואָס קאָן נאָך זיין אין אונדזערע טעג פראָווינציעלער?)

## 37. גיי, זיי אַ חכם, טרעף!...

גיי, ווייס און זיי אַ חכם, טרעף אַז שלמה האָט
אַ קרוב פון זיין טאַטנס צד — אַ פאַרמער, דווקא,
אין אַמעריקע; אַ ייד, וואָס קומט אַראָפּ אין שטאָט
איינמאָל נ'אַ שמיטה... „די קוקאַווקע",
שימע-עליע'ס ווייבל, האָט אַמאָל אין אַ כאַפּ-לאַפּ
דערמאָנט אים אין גערייד וועגן משפחה, קרובים:
...אַ מענטש, וואָס האָט אין דרערד אַ דזשאַב, אַ שאַפּ
און האָט הנאה גאָר פון הינער, טויבן,
פון מעלקן אַ בהמה, אַרבעטן אין פעלד
אין אַ צייט און אין אַ וועלט,
וואו דו קריגסט פאַרטיק אַלץ אין קענדלעך און אין סלאַיעס!
—האָב קיין עגמת נפש ניט, האָט זיך שימע-עליע פאַר אים איינגעשטעלט,
דער פאַרמער האָט זיך ניט אַריינגעכאַפּט אין דער משפחה על פי טעות...

ווען שלמה האָט געהאַט די רייד געהערט,
איז אים געלעגן עפּעס אַנדערש אויפן זינען; נאָר פאַרבליבן
אין זכרון איז אים פאָרט אַ גרוס פון גרינער ערד.
דעם קרוב'ס אַדרעס האָט שלמה ערשט פאַרשריבן
יענעם וואַרעמען נאָך-פּסח, ווען ער האָט שוין טיף געבענקט
נאָך רו; ווען ער האָט שוין דורכגעמאַכט
אַ ווינטער שווערע אַרבעט און ס'האָט אים פאַרשווענקט
די ליבע מיט אַזויפיל אומרו-שטראָמען, אַז די נאַכט
געוואָרן איז צו לאַנג פאַר זיינע וואַכע אויגן.
ער איז אַראָפּ פון פנים, האָט זיך באַטראַכט:
אַזוי ווייטער אָנגיין וועט ניט טויגן.

*   *   *

אַ פֿאַרמער איז בטבע אַ ברייט-האַרציקער פֿון אַלע יאָרן,
האָט זיין ווייטער קרוב פּשוט אים געענטפֿערט מיט די ווערטער :
פּאַק איין דיינע בעבעכעס און אויף מיין פֿאַרם קום צופֿאָרן,
דו — און אויב דו האָסט אַזאַ — מיט דיין באַשערטער.
שלמה האָט מיט דינה׳ן זיך געזעגנט און איר צוגעזאָגט
ניט צו זאָרגן זיך, נאָר אָפֿטע בריוו איר שרייבן ;
„און האָט אין זינען, שלמה, איר מוזט געווינען וואָג,
אַז ניט וועט באַלד פֿון אייך שוין גאָרניט איבערבלייבן !...“

## 38. ווען שלמה איז געפֿאָרן

### א.

קיל איז די גרינקייט פון לאַנקעס מיט גראָז,
נאָר קילער פון זיי איז די וועלדערשע מאַכיקייט ;
ס׳ווינטל, וואָס גיט אויף אַ מענטשן אַ בלאָז,
בלאָזט אַראָפּ פון זיין הויט די שטאָטישע וואָכיקייט.

ווען שלמה איז געפֿאָרן דורך באַרגיקן וועג
און האָט זיך פאַרקוקט אויף באַ׳תבואה׳טער טאָליקייט,
האָט ער באַגעגנט זיינע צעשאָטענע טעג,
וואָס ער האָט פאַרלוירן אין נאָנטער אַמאָליקייט.

און ווען ער איז פאַרפאָרן צום פאַרמער און האָט
דערשפירט אין דער לופט אַזאַ היימישע קו׳איקייט,
האָט ער זיך פאַרטראַכט : מען לעבט, ווי אַ קראָט
אין דער שטאָט, מען גראָבט אונטער די אייגענע רואיקייט.

## 39. אָוונט-ברויט אויפֿן פֿאַרם

פֿאַרמער בען, די פֿאַרמערקע, האָבן זייער גאַסט
אויפֿגענומען מיט אַ ברייטער האַנט, אַן אָנשטעלן מאַניעריקע;
מיטן פֿרישן גרינס און מילכיקס געגרייט דעם טיש, ווי ס׳פּאַסט
פֿאַר יידן פּשוטע וואָס האָבן אַ פֿאַרם אין אַמעריקע.

געקומען איז צום טיש דער טרייער דזשאַן, „די האַנט״,
וואָס העלפֿט אַרויס די אַרבעט, ווי אַ זון אַ לייבלעכער,
און דעם פֿאַרמער׳ס יינגל, געבוירן דאָ אויף אייגן לאַנד —
ס׳איז געווען אַן אָוונט-ברויט אַן אומבאַשרייבלעכער!

און די קאַץ, וואָס האָט דערשמעקט דעם פֿרישן קעז און שמאַנט,
האָט זיך גענומען מישן אין דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט;
און דער הונט, וואָס איז מיט אַלעמען דאָ אויסגעבונדן און
באַקאַנט,
האָט זיין עק געדרייט מיט הינטישער פֿאַנאַטישקייט.

דורך שויבן האָט אַריינגעפּלייצט אַ שטראָם פֿאַרנאַכטן-גאָלד.
מ׳האָט זיך אויסגעזעצט ביים טיש און אין דער רויטער ליכטיקייט
אָנגעהייבן קייען און אויף אַלע באַקציינער געמאָלט,
ווייל עסן—כּידוע—איז נאָך אַלץ פֿון גרויסער וויכטיקייט

און שפּייז פֿאַרנעמט דעם טראָן, אַפֿילו, אין דער פּאָליטיק...
אָ, פֿרישע, זודיקע קאַרטאָפֿל — וואָס קען זיין אַפּעטיטלעכער?!
די קאַץ האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון גאַסט איר בליק
און האָט באַלעקט זיך פֿון מאכלים מער ווי איטלעכער.

נאָכן אָוונט-ברויט אַרויסגענומען האָט דער פֿאַרמער בען
די ליולקע פֿון זיין קעשענע און מיט טאַביק זי אַ שטאָפּ געטאָן,
פֿאַררויכערט און האָט שלמה׳ן אויספֿרעגן גענומען: ווער,
און ווען,
און וואָס האָט לעצטנס עפּעס וויכטיקס אויף דער וועלט זיך
אָפּגעטאָן?

(על שלושה דברים אונדזער וועלט שטייט,
נאָר דער עיקר אָנשפּאַר איז די קלאָרקייט און פאַרשטענדלעכקייט —
אַז ניט, קאָן מען פאַרפאָרן מיט אַלע שענסטע רייד
אין דער פינצטערער אומענדלעכקייט.)

## 40. דער וויכוח אויפן פאַרם

ס'איז געווען אָוונט. די ראָסע האָט פאַרוויקלט
די געגנטן אַרום מיט גרויע, פייכטע ליילעכער;
דער שמאָלער שטראָםביים פאַרם האָט אַ טייך-ליד
אויסגעציקלט,
געאָטעמט האָבן ביימער מיט אָנהייב-זומערדיקע ווייִרעכער.

אין בען דעם פאַרמערס הויז האָט געפלאַקערט אַ גערייד —
מען האָט צעלייגט די וועלט אויף טעלערלעך, ווי ביי
דיפּלאָמאַטן:
—...איין זאַך איז קלאָר, אַז אַזוי אָנגיין, ווי עס גייט,
קאָן עס זיכער ניט; די פירער, אַ רוח אין זייער טאַטן,
פאַרפירן גאַנץ אייראָפּע אין אַ נייעם קריג,
ווייל קיינער וויל ניט אָפּשטעלן די ברוינע היטלערשע מגפה;
און אונדזער פאָלק — צווישן ווילדע חיות, ווי אַ שוואַכע ציג —
ווער וועט עס ראַטעווען פון דער פאַרלענדעניקער שריפה?

— מיינסט אַוודאי, שלמה, אַז מיר, דאָ, אויפן לאַנד
זענען אָפּגעשטאַנען און אַז ביי די חכמים מיט די קעפּ די ליסענע
שטייט שוין איין דער גאַנצער שכל און פאַרשטאַנד?
אַוודאי שטייט אין מיטן גאַס די וועלט מיט פלודערן צעריסענע
און פולווער שמעקט אין לופטן. נאָר וואָס-זשע דען?
מען טאָר דעם מוח ניט פאַרלירן און אַריינפאַלן אין היסטעריקע
— האָט שלמהן אָפּגעענטפערט פאַרמער בען —
פאַראַן נאָך אויף דער וועלט אַ לאַנד, וואָס הייסט: אַמעריקע!

— אָט דאָ, טאַקע, מײַן ליבער קרוב, ליגט דער גאַנצער טשוואָק,
האָט שלמה זיך צעפּלאַמט, אַז ס'האָט אַ שווייס באַגאָסן אים ;
— מוז מען וואַרטן ביז דער לעצטער רגע ? איז דאָס אַ חוק ?...
ער האָט זיך אויפגעהייבן פון שטול אַן אונטערגעשאָסענער
און אָנגעהייבן, ווי אַ נביא, וואַרפן פון זײַן מויל
ווערטער פלאַמיקע, שטראָף-רייד פול מיט צער און ווייטיקן :
אָ, ווי אײַך אַלעמען, וואָס צו טאָן עפּעס באַצײַטנס זענט
איר פויל,
ווען די וועלט טוט זיך אין שטאַרקע מעשׂים נייטיקן !
פאַרשלעפּערט האָט אײַך הי די שפע און די זעט !
איר טראַכט, דער ים וואָס טיילט אײַך אָפּ איז אַ באַוואָרעניש ?...

ער וואָלט אַזוי, ווער ווייסט ווי לאַנג, געהיצט זיך און גערעדט
און פאַרנוצט די ווערטער אַלע פון יאָרן שפּאָרעניש,
ווען ניט דזשין די פאַרמערקע, וואָס איז פון קיך אַרײַן
אין דער מינוט מיט גלעזער הייסע טיי מיט קאָכיקע :
האָט קיין פאַראיבל ניט, מיר דוכט ס'וועט זײַן
געזינטער טיי מיט קיכעלעך, ווען אַפילו וואָכיקע
און די דיסקוסיעס פאַרזעצן קאָן מען אַוודאי אויך
אַ צווייטן אָוונט. שלמה האָט זײַן שווייס זיך אָפּגעווישט.
אין בען דעם פאַרמער'ס ליולקעדיקן רויך
האָט דער שמייכל פון זײַן ווייב זיך אויסגעמישט...

## 41. אַ נייע מוזע

ווי קערנער אינעם גרינעם העמד
פון וואַקסנדיקער קוקורוזע
האָט ביי שלמה זיך געוואָרעמט
דאָס, וואָס מענטשן רופן מוזע.

ניט די מוזע פון פּאָעט
דעם באַפרײדער און באַוויינער,
נאָר די מוזע פון אַ יידן
אַ געטרייען גוטן לייענער.

אמת איז אַז עד היום
ניט דערטראַכט זיך האָט נאָך קיינער
צו באַטיטלען אַזאַ מענטש
„דער און דער באַרימטער לייענער".

וואו אַ ביכל, וואו אַ בוך,
האָט עס שלמה איינגעשלונגען ;
ס'איז פאַר אים געוועזן פּונקט
ווי פרישע לופט פאַר זיינע לונגען.

האָט אויך שלמה אויפן פאַרם
וואָס צו לייענען מיטגענומען,
ווייל דאָס לעבן אָן אַ בוך
איז אים קיינמאָל ניט באַקומען.

נאָר ווער וואָלט זיך ריכטן, ווער,
ס'זאָל אַריינפאַלן אין האַנט אים
ניט קיין בוך, נאָר אַ כתב יד
פון אַ פּאָעט אַן אומבאַקאַנטן ?

און שלמה זאָל גאָר איבערנאַכט
דורכמאַכן אַזאַ נסיעה
אַזש הינטער וועלדער און דערזען
אַלט-באַקאַנטע אינדערפריען ;

און באַגעגענען אַ וועלט
אַזאַ ווייטע, נאָר אים — נאָענטע —
ווער-זשע האָט עס אַלץ פאַרטראַכט
אַזאַ נחת אים צו אָנטאָן ?

(אויב ניט אַ שטיק ליים אויסגעקנאָטן
אין פורעם פון זיין באַשעפער — וואָס איז אַ וואָרט ?
דערפאַר איז זיין אָפּבילד געראָטן
אין ליכט פון זיין באַשעפער, וואָס פּאָרט
אים צוזאַמען מיט זון און מיט שאָטן.
און דער לייענער מאַכט די ברכה אויפן אָרט :
המוציא רעיונות מין הוואָרט.)

## 42. די נסיעה

אַ פולער הימל שטערן אָנגעשאָטן מיט אַ האַנט אַ ברייטער,
וואונדער זיך ניט ווי מען קאָן דאָרט געבן אַ דערגרייך ;
ליי ביי די מלאכים פון יאַנקעלע אָבינו׳ס חלום זייער לייטער
און שטייג אַרויף, אַרויף צו שטערנדיקער הייך.
שוין געטראָפן, שוין פאַרלאָפן זיך אַזוינס אין לאַנד פון
טרוימען—
אַ חלום אין אַ חלום ביי אַ מענטשן טוט זיך אַ באַווייז ;
פּונקט דאָס זעלביקע געטראָפן אויפ׳ן פאַרם האָט מיט שלמה׳ן,
ווען ער איז אַריין אין דיכטער׳ס כשופ׳דיקן קרייז.
געגאַנגען איז ער יענעם אויפדערנאַכט זיך לייגן שלאָפן
(און די פאַרמערלייט האָבן פאַר אים צוגעגרייט אַ ווייכע בעט);
נאָר דער שלאָף איז יענע זומערנאַכט פון אים אַנטלאָפן—
האָט ער זיך גענומען לייענען דאָס געשריפטס פון אַ פּאָעט.

(דער שרייבער פון די שורות איז זיך מודה, אַז כדאי איז
איינמאָל צו פאַרקוקן דעם דרך כלל פון אַ ראָמאַן
און אין אַ פּרעמדענ׳ס מאַנוסקריפּט צו ווערן אַ בן בית,
פּונקט ווי שלמה. און פּונקט ווי ער—דעם אָקעאַן
אַריבערפליען אָן אַן אָנזאָג, אָן אַ מעלדער,
פליען אויף די פליגלען פון אַ יידישן פּאָעט
צו אַ יידיש שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד הינטער וועלדער,
וועגן וועלכן ס׳האָט זיך נאָך אין קיין קאַפּיטל ניט גערעדט.
ווי הייסט דער דיכטער, ווילט איר וויסן ? און ווער איז ער ?
—גענוג צו זאָגן : ער איז—אַ האַלבער—שלמה׳ס אַ בן עיר,
וואָס האָט אין לעבן אָנגעשפּאַרט ביי טויערן פּאַריזער,
כאָטש געבוירן איז ער ערגעץ אין סיביר.
אים איז באַשערט געווען אַ צייט אין שטעטל וואוינען
מיט שלמה׳ן. און שפּעטער הי—אַ חבר׳שאַפט פאַרקניפּט . . .
הכלל, מיר וועלן איבערלאָזן אויף אַ ווייל די צוויי פאַרשוינען
און זיך נעמען צום דיכטערס מאַנוסקריפּט.)

# 43. הינטער וועלדער

ליגט אין טאָל אַ שטעטל מיט שטיבלעך אַנגעשפּלינטערט,
מיט געסלעך, ווי מיט דאגות אויף אַן אויסגעצערטן פּנים;
האַלטן אונטער ס׳ביסל שטיבלעך פּלויטן אויסגעקרימטע,
ווי גירטלען האַלטן אונטער הויזן פון קבצנים.
נעמט אַרום דעם שטעטל׳ס האַלדז אַ שלענגלדיקער טייכל
און קראַצט אין גאַנג אַ מרחץ-וואַנט, דעם פּלויט פון תלמוד
תורה;
שלעפּט עס מיט פּאַמוניצעס פון אַרימע און רייכע
און פירט אַוועק דאָס ביסל מיסט פון יעדן טיר און טויער.
לאָזן זיך אין וועג אַוועק צוויי געשטיינדלטע שאָסייען
צווישן שטעטל׳ס צווינטערס און ליים-בערג פון ציגעלנע
און אַ קלויסטער טיטשקעט אויס זיין צלם איבער דעכער;
טרעפט, מיט איינעם פון שאָסייען גייט אַ ייד אין צווייען,
גייט אין דאַרף זיך אויסצובייטן מיט סחורה ביי ערלים
און זיין תפילת הדרך אין ווינט קלינגט מיט אַ טאָן העכער.

ווייסט ניט שטעטל וואָס פּאַראַ ברכה אים צו געבן אונטערוועגנס,
באַגלייט עס אים אַזש ביז די וועגן שפּיליען זיך פאַנאַנדער;
און וועגן, ווי מיט טשוועקעס, ליגן צוגעקלאַפּט פון רעגנס—
גייט אַ ייד אין מיטן פעלד מיט ווינטן אין געוואַנדער.
און ווינטן קאָמען אויס זיין באָרד, פאַלדעווען די הויזן,
טראָגט דער ייד זיין סחורה-זאַק און גיט זיך ניט קיין עצה;
גיי, האָב הנאה פון די פעלדער מיט אַלע שאַלאָמויזן,
אַז ס׳ציט דער זאַק אַראָפּ אַן אַקסל פון דעם יידנ׳ס פּלייצע.
אַ באַרג אַרויף, אַ טאָל אַראָפּ—דאָס שטעטל איז פאַרשוואונדן.
וואו-ניט-וואו אַ ביימער-שטאָם באַדעקט מיט מאָכן-טערטלעך;

ווי אַ געהיימע האַנט פאַרשאַרט וואָלט פאָרהאַנגען פאַרצויגענע
און פון לאַנגע וויקעלעך דעם יונגן טאָג צעבונדן,
אַ סיון-טאָג באַשפּריצט מיט פרישע טויען פולע קווערטלעך
אונטער בלויע וועלבונגען פון הימלען אויסגעבויגענע.

וואו איילט זיך עס אַ ייד אַזוי פאַרטאָג, צו וועמען,
מיט ניי-פאַרלאַטעוועטע לעכער אינעם זאַק דעם אַלטן ?
און ס'ענטפערן מיט ווייסע פרעג-צייכנס דעם יידנ'ס ברעמען :
„וואוהין פאַרטראָגן ס'וועלן זעגלענדיקע פּאָלעס פונעם
פּאַלטן" . . .
אים האָט די שטעטלדיקע נויט אַרויסגעטריבן—היידאַ !
לאָזט ער זיך טרייבן—וואָ-דען, ניט ? אַ ברירה האָט ער ?
איינעמס מזל איז פון פּראָסטן צייג, דעם אַנדערנס פון זיידן—
איז טראָגט דער ייד זיין לעבן ווי אַ יאַטערדיקן בלאָטער.
און אַ טרויער אויף די אויגן איז אים אָנגעהעקלט,
און אין בוזעם-קעשענע זיין נאָמען—אַלטער—טראָגט ער ;
טרייבט דער ווינט די פּאָלעס, יאָגט די שוואַרצע זעגלען
פון אַלטער'ס לייב-און-לעבען די געפּאָקטע.

(און שלמה האָט פון דער באַשרייבונג ניט געקאָנט
אויף אַ ווייל אַוועקנעמען די אויגן און דעם רעיון ;
כאָטש אין יענע רגעס האָט ער זיך דערמאָנט
אין זיינע אייגענע טראַכטערשע כלי זין,
וואָס ער באַנוצט טאָג־טעגלעך אויפן פראָנט
אין זיין קאַמף דעם מענטשן צו באַפרייען.
נאָר ווי אַזוי וואָלט ער געקאָנט
אַזוי רואיק שרייבן, און ניט שרייען ?)

## 44. און שלמה לייענט ווייטער...

(קליין איז דער וואָלקן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ ניט אַנטוויינט
און זויגט פון דער יונגער לבנה אַ גאָלדענעם מילך אויף
די פעלדער;
שלמה ליגט אויפן בעט אין הויז פונעם פאַרמער און לייענט
די באַשרייבונג פון שטעטל הינטער ווייסרוסישע וועלדער):

## אַ גוטער אויפשטאַנד

שלעפט זיך נאָך דער שטויב, ווי אַ קאַראַוואַן, נאָך לאַנגן
פאַהאָן קי
און דער פאַסטעך פייפט — אַז גוט איז אים און וואויל אים;
שטיבלעך וועקן זיך, ווען פעלדער ליגן נאָך אין טויען ביז די קני
און ס'הענגט נאָך בלייך אַ ווייסער סערפּ צוקאָפּנס פון בית עולם.
אַז ס'כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער מזרח מיט אַ פרייד,
צערינען טראָפּנס ניט-דערטריפטע טויען אויף גאַניקעס
און דעכער;
געניצט וואו אַ יידענע, רייבט די לאַדישן און רעדט צו זיך אַליין,
שוועבקט די צעברעס און די קאַנען פון קנאַקנדיקע בלעכן.
תפילין אָפּגעלייגט און אויסגעטאָן דעם טלית פונעם קאַרק,
צעשאָקלט נאָך פון שחרית יידן וויגנדיקע גייען,
ווען ס'וועקן אויף דעם אינדערפרי מיט קראַקערייַ די קראָען;
געשטעלן צוגעדעקטע שטייען אויפן אַלטן מאַרק
און ביימער אויסגעבויגענע אַרום, ווי לאַנגע פייען,
טוען זיך אויס פון די פאַרטאָגן-גרויען.

# ...? ווער שאַרט זיך עס אַריין

ווער שאַרט זיך עס אַריין פאַרפרי דורך געסעלעך פאַרשלאָפענע
און האַלט זיך אָן מיט פייכטע הענט אין דעכלעך און
אין קוימענס ?
— אַ יונגער טאָג, אַ יוניקער, מיט אויגן נאָך האַלב-אָפענע
און אַ פריש-געבוירן ווינטעלע פון ווייטענע מקומות.
צעסקריפּן זיך אין הייזער טירן, אַסווירן ביי די ברינעמער,
אַ כליאָפּעריי, אַ קליעסקעריי פון קאָפּיטעס און שטיוול ;
ס'ווייט אַראָפּ דאָס ווינטל שפּורן שלאָף פון פּנימער,
אַ מילך-ריח צעטראָגט זיך פון קאַנען און פון קריגלעך.
אַ מילך-ריח, אַ מיסט-ריח — אויסגעמישט צוזאַמען...
אַ פליגלענדיקע פלאַטערניש רוישט פון טויבן-שלאַקן ;
און אויף דער פאָן דער בלעכענער, וואָס הענגט אויף דער
פאָזשאַרנע —
ערשטע שטראַלן פון דער זון, ווי אויף אַ רעקלאַמע.
טויבן יאָגן זיך אַוועק, טויבן — ניט צום פּאַקן —
און לאָזן איבער אין דער לופט אַ לויטערקייט אַ וואַרעמע.

(גענוג, טראַכט שלמה, אויף היינט בייַנאַכט וועט קלעקן.
נאָר אויס נייגער ט'ער אַ מיש געטאָן אַ בלעטל ווייטער ;
און ס'האָט געגומען זיך אין אים אַזוינס דערוועקן,
וואָס מען טאָר אויף ווערטער ניט צעבייטן...)

# וועלוול דער שמיד

פינף באַגינען הערט מען שוין דעם שטאָל־האַמערס געקלאַנג,
דעם גלעט־האַמערס גערייד מיט פרענטן אויף קאָוואַדלע;
וועלוול שמיד באַפעלט זיין זון: „נו, לייבל, גיב נאָר אַ דערלאַנג,
ביסט דאָך ניט, חלילה, פונעם ווערעמדיקן אַדל.
און לייבל גיט אַ לאָז אַראָפּ זיין האַמער אויף אַ פרענט,
אַזש די צען פודיקע קאָוואַדלע גיט מיט דער ערד אַ ציטער;
ס'האָט לייבל אַזאַ קראַפט, אַזאַ שוואונג אין זיינע הענט,
אַז ווי צו דעם, וואָס פאַלט אַריין אין זיי, און ביטער.
ווי נאָר סע קרייט דער האָן, דערלאַנגט עס זיי אַ טראָג —
דעם טאַטקען מיטן זון אין קוזשניע צו דער אַרבעט;
ס'וויגן זיך נאָך טאָג און נאַכט, ווי אויף אַ וואָג,
און זיי — מיט פאַרטעכער מיט לעדערנע, אַרויפגעשאַרצטע
אַרבל,
שווייסן שוין און האַמערן, רעדער שמידט מען אָפּ,
מען זעצט אַרויף די בוקסעס און פאַרטיק שטייט אַ וואָגן;
לייבל איז פון טאַטן זיינעם שוין העכער מיט אַ קאָפּ —
נישקשה, אויף וועלוועליכען קאָן וועלוול זיך ניט קלאָגן.
טאַקע איינעם נאָר האָט זי געבראַכט אים אויף דער וועלט,
איינס, אָבער אַ רעכטס — אַ יונג מיט אַ פּאָר פּלייצעס!
און אויף יעדן זעץ פון האַמער ענטפערט ער און קוועלט
דער טאַטע, און טראַכט דער חומש איז גערעכט מיטן „כי תצא":
כי תצא למלחמה, אַז דו ווערסט אַרויסגיין אויף דער וועלט
מלחמה האַלטן פאַר דיין שטיקל ברויט, פאַר דיין חיונה,
זאָלסטו וויסן אַז דיין לעבן איז פון לכתחילה איינגעשטעלט,
ווייל זאַטע האָבן קיינמאָל ניט קיין צווייטן ניט פאַרגונען...

און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער פאַרגעסן, וועלוול, וואו ער איז
און אַז ער איז שוין באַלד אַ בן שמונים ;
אַי, אַז „זיינע" — אַלעמען צו לאַנגע יאָר — פלעגט קאָכן פיש...
„נו, וואָס האָט זי געהאַט ביי מיר פאַר אַ באַלוינונג ?
דאָס הינטער-שטעלכל פון דער קוזשניע — דאָס נגידיש הויז,
צי די גראָשנס פון געשוואָלענע מעת-לעתן פראַצע !
און מאָלט אייך : אַלץ אַליין — געשטריקט, געקאָכט, געראַמט
און אויפן שויס
נאָך מיט אַ קינד. האָט זי אָפּגעטראָגן אירע יאָרן, ווי טאָוולנע
אָפּצאַסן."
און ווען דאָס מזל האָט שוין יאָ אַ שיין געטאָן פאַר זיין נחמה,
און מען האָט זיך שוין אַ שטיקעל פלייש געקענט פאַרגינען,
כאַפּט דער מלאך המות זי אַוועק, ווי אַ רוח דעם מלמד
און גיי, טו אויף דער וועלט גערעכטיקייט געפינען.

און לייבל קוקט אים אָן און טוט אים אַ צעוועק :
וואָס האָסטו, טאַטע, זיך פאַרטראַכט ? ס'עט זיך צוקילן
דאָס אייזן !
דאָס פייער האָט פון וועלוולס באָרד די ווייסקייט אָפּגעמעקט
און דער האַמער האָט פאַרווישט פון אַלטן שמיד די גרייזקייט.

1927

(וואָס דאָרט איז געווען, וועט מער שוין ניט זיין,
„דאָ איז מיין לאַנד און מיין היים די באַנייטע" —
געקומען איז שלמה צו דעם באַשלוס.
און אַצינד לאָמיר לייענען וואָס ס'האָט פּאַסירט ווייטער.)

## 45. די זאַלבונג און בענ׳ס לעצטער וואָרט

„דאָ איז מיין לאַנד און מיין היים, דאָ איז עס.
וואָס דאָרט איז געווען, וועט מער שוין ניט זיין״ —
האָט שלמה באַשלאָסן נאָך אַלע די וויזיטעס,
וואָס זענען ביי אים אַרויס און אַריין
און האָבן זיין לעבן אויף צווייען צעהאַלבט
ביז בען דער פאַרמער האָט אויפן פאַרם
אים פאַר אַ היגן געזאַלבט.

— ווער ס׳וואוינט אין גרויסע שטעט, זעט ניט אַרויס
אַמעריקע. די מויערן פאַרשטעלן אים די גרויס
און רחבות פונעם לאַנד, האָט פאַרמער בען
מיט אים אַן אָוונט איינגעטענהט. — צו זען
די שיינקייט, דאַרף אַ מענטש פון וייטנס שטיין ;
ערשט דעמאָלט קאָן ער רעכט דערזען ווי שיין
ס׳איז אונדזער לאַנד !... איינגעזאַפּט האָט
שלמה זיינע רייד אין זיך. און אָנשטאָט
זיך אַמפּערן, האָט ער ריידן אים געלאָזט.
דעם פאַרמער׳ס איטלעך וואָרט האָט איצט אַריינגעבלאָזט
אין אים אַ נייעם מיין, אפשר דעם וויכטיקסטן באַגריף
פון זינט ס׳איז שלמה הי אַרונטער פון דער שיף.

...און דיינע טענות וועגן יידן, יידישקייט וכדומה —
שיק זיי אָפּ, זיי מוחל, אויפן ריכטיקן אַדרעס ;
ניט אַלע מענטשן אין אַמעריקע, זיי וויסן, שלמה,
פאַרגעטערן דעם דאָלער און דעם פּרעס.
און תוכן ? — תוכן איז פון יענע שטאָפן,
וואָס קומט ניט פאַרטיק אויסגעאַרבעט פון פאַבריק ;
אמת טאַקע, ווען ס׳איז פול דער מאָגן, פאָפן
די געהירן. נאָר אַז מען גיט אַ טראַכט — צוריק
געשמועסט : קיינער צווינגט ניט קיינעם דאָ צו
פרירן און אַרומגיין אָן אַ גייסטיק שטיקל אונטערוועש !
וואָס ס׳פעלט דאָ ביי געוויסע יידן, איז דער רצון
אָנצופילן זייער היגן לעבן מיט אַ יש.

— טאָ וואו זענען די פירער און מנהיגים ?
האָט שלמה זיך ניט איינגעהאַלטן און געטאָן אַ פרעג.
— גערעכט. נאָר דו פאַרגעסט, אַז קנאה און אינטריגע
זענען יענע קרומע ציינער פון אַ זעג,
וואָס צעזעגן וועלטן, אַ פשיטא שוין — אַ ישוב !
איז האָבן מיר אַ ישוב מיט אַ „לינקס" און „רעכטס"
און מיט אַן ערב רב, וואָס גלויבט אין פרעמדן כשוף
אַז אָפּטאָן וועט זיך פון דער ערד דאָס שלעכטס,
ווען מיר וועלן זיין ככל הגויים מיט אונדזער פרייד און אומעט.
און מאָדנע : פונקט אַזאַ גאולה איז פאַר אונז גרייט,
ווען, חלילה, אויסלייזן די וועלט זאָל קאַרל דער משומד— — —

— גענוג, גענוג !—איז שלמה אויפגעשפרונגען ביי די רייד. —
כ'בין גרייט געוועזן אייך אויסצוהערן און ניט איבערשלאָגן,
נאָר ציניזם נוצן, ווי אַ געווער, איז קעגן יעדן מענטשלעכן
פרינציפּ !

אַ באַהאַלטן פּייערל האָט פון זיינע אויגן זיך געטראָגן
און אַ פאַרדרוס אַרומגעהאנגען איז אַרום זיין ליפּ.

דעם זעלבן אָוונט האָט נאָך שלמה צו דינה'ן אָנגעשריבן :
אַ פּאָר אינטערעסאַנטע וואָכן דאָ פאַרבראַכט.
אין דער היגער לאַנדשאַפט קאָן מען זיך פאַרליבן.
און די מענטשן זענען ווייט פון זיין פאַרפלאַכט ;
פאַרקערט — דאָ טראַכט מען מער, און אייגענע געדאַנקען,
כאָטש כ'האָב געהאַט אַ ביסל אין בענען דאָס גענאַר ;
נאָר כ'וועל אים האָבן במילא צו פאַרדאַנקען
פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט. ליבע דינה, כ'גאַר
שוין ווידער צוריקצוקומען קיין ניו יאָרק. ס'בענקט זיך
שטאַרק נאָך דיר. אַפילו נאָכן שטאָטישן הו-האַ,
וואָס מע וויל פאַרגעסן — אַפילו דאָס געדענקט זיך,
ווער שמועסט נאָך אַ מיידל אָט אַזאַ...

(הכלל, מיט שלמהס אָנקומען אין שטאָט צוריק
האָט זיך אָנגעהייבן גאָר אַ ניי קאַפּיטל לעבן:
ער ווערט פאַרקאָכט אין קאַמפן און אין פּאָליטיק
און וויל זיך קיינעם ניט, אָ, קיינמאָל אונטערגעבן:
נאָר איינעם — און אויך אַלעמאָל — אָ, יענעם,
וואָס וועט ראַטעווען די וועלט פון דעם גיהנום,
וועט ער דינען טריי און גלויבן
ווי אַ פרומער ייד געטריי דינט דעם, פון אויבן.)

## 46. דערקענונג

אָ, וואָס בין איך און ווער בין איך אין דעם אומ׳סדר־העולם?
האָט שלמה אָנגעהייבן זיך אַראָפּנעמען אַ מאָס:
איך בין דאָס קליינטשיק פּינטעלע פון חולם,
וואָס אָן אַן אונטערשפּאַר, אָן אַ שותּף אות,
בלייב איך הענגען אין דער לופטן און זאָג גאָרניט.
מיט אַלעמען צוזאַמען בין איך עפּעס — כ׳בין אַ טייל
אין דעם פאַרקלעם פון „וואָס מען מעג" און „וואָס מע טאָר ניט"
און מיין נשמה לעבט ניט אָפּגעזונדערט אין קיין הייל —
איז געקומען צו דער דאָזיקער מסקנא
שלמה, דער גמרא־קאָפּ און דער מאָדערנער ייד,
וואָס האָט פרובירט אַנטלויפן פון טראַכטונגען שאַבלאָנע
און איז דערלאָפן צום אַלוועלטלעכן פּאָליטישן יאַריד,
וואו קאַמפן פלאַקערן און אין דעם געראַנגל
איז אויך פאַרמישט אַ גרויסער טייל פון אייגן פאָלק.
מען דאַרף פאַרמאָגן אַ געזונטן און אַ שטאַרקן אַנגל
צום צעקייען די טעאָריעס און דערגיין אַ טאָלק;
מען דאַרף פאַרמאָגן נאָך אַ טיפערן עקשנותדיקן גלויבן,
ווי אַ פרומער ייד פון דורות לאַנג פאַרמאָגט,
אויף ניט אָפּצופרעגן קיין שום חוק, וואָס קומט פון „אויבן",
פון אַ מענטשנס מוח און אַלץ הייליק האַלטן, וואָס „יענער"
האָט געזאָגט.

# V

# 47. די צייט

די צייט? — ס'איז 1936 לויט דער קאַלענדאַר־צייט.
(לויטן לוח איז עס ערב שחיטה פון אַ גאַנצער וועלט).
אויף דעם אַלוועלטלעכן פּאָליטישן יאַריד איז נאַר־צייט
פון משיחים אַלערליי, וואָס קומען אָן פאַרשטעלט
אין מיצלעך פּאַרביקע און יעדער שרייט: איך בין דער
וועלט'ס דערלייזער,
האָרכט מיין רוף! קומט מיט מיר!...
נאָר שלמה'ן דרייט זיך ניט דער קאָפּ פון גלגל החוזר,
פאַר אים איז קלאָר: צוויי קלאַסן — דער אָרימאַן און
דער גביר...
און „ווער ס'איז ניט אויף מיין צד, איז מיין שונא!"
ער ווערט פאַרקאָכט מיט אמתן גמרא־ברען
אין קאַמף פון די קבצנים, די אביונים
קעגן די פּיאַווקעס, די נגידים — ווי אַנדערש דען?!

ס'איז 1936, ווען ס'קומען אָן די פינצטערע מלחמה־פּרטים
פון שפּאַניע מיטן בלוט־שטראָם פונעם פראַנקאָ־קריג.
אין מאָסקווע האַלט מען ביי דער אַלטער סדרה, ביי משפּטים
קעגן „אינערלעכע שונאים". די אָקטאָבער־רעוואָלוציע „זיגט"
איבעראַניס: מיט דערפּאָלג ווערט פון דער יידישער
טעאַטער־בינע
אַראָפּגענומען „בויטרע" און אויף סיביר פאַרשיקט
ווערט זיין דיכטער משה קולבאַק. די אַרבעטער־מדינה
שטייט ווייטער „אויף דער וואַך פאַר פרייהייט". אונטערדריקט
ווערט בלויז דער יעניקער, וואָס איז אַ „שונא" פונעם פאָלק:
די ליניע פון דער קאָמפּאַרטיי איז הייליק און איר וואָרט
איז גזר'דיק!
(און „בויטרע גזלן" אין ניו יאָרק איז נאָך אַלץ אַ גרויס
דערפאָלג,
כאָטש קולבאַק'ס נאָמען ווערט ניט מער דערמאָנט, פונקט ווי
איזי כאַריק,
וואָס איז אויך באַגאַנגען אַ מערדערלעכן חטא —
צו וועלן זיין אין לאַנד פון רעוואָלוציע אַ... יידישער פּאָעט!)

## 48. שלמה ווייסט

שלמה ווייסט, אַז אויף ניט ווייניק קשיות זאָגט מען תיקו
און אויב קיין ענטפער איז ניטאָ, איז צו וואָס די רייד?
די וועלט איז קראַנק. טאָ, זאָל זיין פאַרטיקע רעצעפּטן פון
אַפּטייקן,
אַבי זי אויסצוהיילן איידער צוקוקן, ווי ס׳רוקט זיך אָן, ווי ס׳גייט
אויף אונדז די ברוינע פּעסט, וואָס וועט אַלעמען אויסטויטן
און ס׳וועט צומאָל ניט בלייבן אויף דער ערד קיין זכר ייִד;
וואָס מען זאָל ניט זאָגן קעגן פאָטערלאַנד דעם רויטן,
„נאַר ייִדן, ווי אַ פאָלק, פאַרפאָלגט מען דאָרטן ניט!״
אַי, וואָס ייִדישקייט, אַפילו וועלטלעכע, גייט אונטער —
נו, אין אַמעריקע איז בעסער? די אַסימילאַציע רייט
אויבן־אָן!.. האָט שלמה זיך אַריינגעוואָרפן ביז אַרונטער
אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג קעמפן פאַר
גערעכטיקייט.

(דערוויל: געפאָרן איז די צייט עקספּרעס
אָן אַ שטיקל סטאַנציע וואו צו אָפּכאַפּן דעם אָטעם.
שלמה זוכט ניט מער פון אמת דעם אַדרעס,
ווייל ער ווייסט פּאָרויס מיט אַלע פּרטים
אַז דער אמת שטעקט נאָר אינעם לאַנד,
„פון פרייהייט, גלייכהייט און פּראָגרעס";
אין אַלע איבעריקע וועלט־חלקים „בליט
דער שקר, און יעדער צווייטער איז אַ פּאַראַזיט".)

## 49. זיין פּשוט'ער חשבון

שלמהס חשבון איז געווען אַ פּשוטער: דורך אַלע פענצטער
פון דער וועלט דערטראָגט זיך אַ געריוך פון סמאַליעניש;
אייראָפּע זיצט אויף דינאַמיט און דער קלענסטער
פונק וועט אונטערצינדן לענדער; אויף צעפּאַלעניש
פאַרמשפּט איז דער קלאַס, וואָס פּראָפיטירט
פון מלחמות און פון שיסערייען.
מיט אַלע זיינע חושים האָט ער פאָראויסגעשפּירט,
אַז צו אַ נייער שחיטה ווערט די וועלט געפירט
און אַז דער קלאַס, וואָס וויל די וועלט באַפרייען,
איז זיין קלאַס — אַזוי האָט אים דיקטירט
זיין שכל און זיין רעיון.

פונקט ווי אַנדערע האָט ער זיך אויסגעלערנט טראַכטן
אויף אַ שפּאָגל-נייעם לשון, אויף דער קלאַסן-שפּראַך;
ער האָט אָנגעהויבן פיינט קריגן, פאַראַכטן
אַפילו יענעם מענטש, וואָס גייט אין מיטן שליאַך
און וויל ניט זען, ווי ער, אַז ס'איז די וועלט צעחלקט:
„ווי קאָן מען זיין אין אונדזער צייט נייטראַל?
„דער יחיד איז ניט וויכטיק און ניט הייליק,
„נאָר די מאַסע וועלכע ווערט געהאַלטן שפליק...
„אויב אַ יחיד, איז בלויז איינער דאָ וואָס איז געניאַל!
„ס'איז מער ווי קאַמף צווישן פיסטנעם ברויט און בייליק,
„ס'איז פאַר אַן אידעאַל!..."

## 50. דאָס שלאָגוואָרט הוליעט

דער זומער ברענט, נאָר הייסער ברענט די פּראָפּאַגאַנדע
און וואָרט פון יעדן לשון ווערט קונציק אויסגענוצט
צו נעמען די צעטומלטע צו זיך ביגראַנדע:
קומט, אָרימע, אונטער אונדזער שוץ!
שלאָגווערטער לעבן זיך אַ גוטן טאָג
און הוליען אין די מיילער. דעם ליליפּוטס
מח-קעמערל אַרבעט אויבערשעה׳ן
צו פאַרגרייטן לאָזונגען, ווי פּאַטענטירטע דראָגס:
צום ערשטן זאָגט אַ שלאָגוואָרט ער אַליין, „דער גאון״,
און נאָך אים מעלה גירהן אַלע — ביזן פערד און אָקס.
אַן ערלעך-אויפריכטיקן וואָרט ווערט אַ שאַנדע
צו באַנוצן אין אַ צייט פון שטאַנצן און פלאַקאַט—
דאָס שלאָגוואָרט פירט איצט די קאָמאַנדע
אין דעם פּאַסיקסטען פּאָליטישען קלימאַט
און דער דעמאַגאָג — שיסט פון האַרמאַט.

## 51. אויפֿן האָדסאָן

אויפֿן האָדסאָן שווימט אַ שיף,
קושט זיך מיט די כוואַליעס;
און אין דרויסן גייען מיידלעך
מיט די הוילע טאַליעס.

זומער-פֿאַרנאַכט, זומער-פֿאַרנאַכט,
ווער האָט די שיינקייט פֿון טייך אויסגעטראַכט?

— זאָג מיר, מיידל, האָסט מיך ליב?
זאָג מיר שוין, ניט שפּעטער!
וואָרט נאָך וואָרט זאָגט נאָך אַ ווינט
די רייד צו ביימער-בלעטער...

זומער-פֿאַרנאַכט, זומער-פֿאַרנאַכט,
ווער האָט די שיינקייט פֿון ווינט אויסגעטראַכט?

אויפֿן האָדסאָן פֿליסט דאָס גאָלד
פֿון טויזנט זון-פֿאַרגאַנגען;
און אַ ליד ביים ברעג קלינגט-אָפּ:
„דו האָסט מיין האַרץ געפֿאַנגען..."

זומער-פֿאַרנאַכט, זומער-פֿאַרנאַכט,
ווער האָט די שיינקייט פֿון ליד אויסגעטראַכט?

שלמה האָט אין אַ פֿאַרנאַכט
מיט דינהן זיך געטראָפֿן
און ביים האָדסאָן אויסדערציילט,
וואָס מיט אים איז זיך פֿאַרלאָפֿן.

זומער-פֿאַרנאַכט, זומער-פֿאַרנאַכט,
ווער האָט די שיינקייט פֿון דינהן אויסגעטראַכט?

(אָ, היט אונדז, גאָט, פון דעם פאַנאַטיקער, וואָס אויב
דו שטימסט מיט אים ניט איין, פילט ער פערזענלעך
פאַרוואונדיקט און צעשניטן,
ווייל דייַן געדאַנק אויף זייַנעם איז ניט ענלעך —
פון די ניט־גלויביקע וועלן מיר זיך שוין אַליין פאַרהיטן.

אויך די ליבע מאַכט אַמאָל אַ רעוועראַנס,
טרעט־אָפּ איר פּלאַץ פאַר אַנדערע עניִנים;
שלמה ציט פאַר דינהן אונטער אַ בילאַנס
און איר שטעמפּל לייגט אַרויף די זומערנע לבנה.
די וואַסערן פון טייַך באַרואיקן ווי בעלאַדאָנאַ־קרייטער . . .
נאָך מער וועגן די „אַנדערע עניִנים״ — לייענט ווייטער.)

## 52. דיאַלאָג וועגן נאַקעטן אמת

### א.

— וואָס איך וויל וויסן, איז דעם נאַקעטן און הוילן אמת:
ווער איז שולדיק אין דעם אַלץ?
זעסט דאָך, דינה, אַז מיט אַלע טעאָרעמעס
איז די וועלט נאָך ביזן האַלדז
אין אָרימקייט פאַרזונקען, אין אומרעכט און אין מאָרד!
איז ניט געווען גערעכט דער קלוגער קאַרל מיט דער באָרד?!

— ס'קאָן זיין יאָ. נאָר די גערעכטיקסטע גערעכטיקייט,
מיין ליבער,
פאַרוואַנדלט אין אַן אומרעכט ווערט
אַזוי שנעל, ווי ס'ווערט דער שוואַכערער דער גאַנצער גיבור
און נוצט דעם אומגערעכטנס שווערד
זיין גערעכטיגקייט אַרויפצוצווינגען אויף אַ וועלט.
אין מיינע אויגן איז אַזאַ גערעכטיקייט פאַרשמעלט.

— ווּעסט אָבער מודה זיין, אַז אויף אַ זעקסטל פון ערד-קיילעך
איז שקלאַפעריי שוין אָפּגעמעקט,
און פאַרויסגעגאַנגען זענען אַלע פעלקער דאָרט דעם
גרעסטן מהלך,
און יידן-האַס האָט דאָרטן זיך געעקט:
אויס פאָגראָמען, אויס מיט פּחד—צי באַגרייפסטו אָט דעם מיין?
אויב אַ ייד דאַרף גליקלעך זיין און דאַנקען, איז שוין פאַר
דעם אַליין!

— זיי מיר מוחל, שלמה, ווי אַ צייטונג וואַרפסטו קעפּלעך
גרייטע...
אַ געשיכטע שוין פון 22 יאָר,
אַז מען פּויקט אין פּויקן און טרומייטערט אין טרומייטן:
זינגט הללויה, זינגט אין כאָר
און דאַנקט דעם מושל יעדן טאָג פון יאָר פאַר זיין גנאָד,
וואָס ער לאָזט די יידן גלייך מיט אַלע לעבן, ווייל ער איז —
„אחד".

דער שקלאַף, וואָס איז באַפרייט און שקלאַפט צו זיין באַפרייער,
איז נאָך אַלץ אין תוך דער זעלבער קנעכט !...
— הייסט עס, דעם רייכן, רוּיבערישן קלאַס ביסטו יאָ מטהר
און מאַרקס, האַלטסטו, איז אומגערעכט ?
טאָ, ווער וועט אויסלייזן די וועלט, באַטראַכט זיך, ווער —
דער קלאַס פון אַרבעטסמאַן, צי גאָר דער מיליאָנער ?

און ווער וועט אָפּשטעלן די מענטשן-שחיטות און פאַרהיטן
אונדזער פאָלק פון אונטערגאַנג ?
— אַנטשולדיק, וואָס איך שלאָג דיר איבער פּונקט אין מיטן,
נאָר כהאָב געלייענט ערשט ניט לאַנג,
אַז אין לאַנד פון פרייהייט שעכט מען אויך ; ס'איז אַזאַ שטראָף.
און אויב מען טויט אַפילו דאָרט, איז אין לדבר סוף ? !...

— דו האָסט געלייענט, און פאַרגעסט : ס'איז די היגע פּרעסע
אָפּגעדונגען צו פאַרקויפן סם !
אַ בלינדער קאָן דאָך זען — אויף אַ פאַרזשאַווערטער זאַוויעסע
הענגט די אַלטע וועלט ! און יעדן טאָג אַן עלילת דם
טראַכטן שונאים אויס אויף נייע בויער. אין דער נעץ
לאָזטו זיך אויכעט כאַפּן, דינה, אין נעץ פון שקר און פון העץ...

— זאָל זיין אַזוי. נאָר ענטפער מיר אין פּשוטע דיבורים :
ווי קומט עס וואָס אין יענעם לאַנד,
וואו יידן פּראַווען שוין אַזויפיל יאָר אַ גאַנץ יאָר פּורים,
איז אונדזער פאָלק אַן אַרעסטאַנט
און ס'קאָן קיין איינער ניט אַרויספאָרן צו זיינע נאָענטע מחוץ
די גרענעצן, ווען ער איז אַפילו מוחל האָב-און-גוטס ?

ווי קומט עס אויך, וואָס אַזויפיל אַלט-געטרייע קעמפער
צו דער עקזעקוציע האָט מען דאָרט געפירט ?
מהיכא-תיתא, שלמה, גיב אויף דעם אַ קלאָרן ענטפער
און ניט, אַז ס'האָט אַזוי דיקטירט
די רעוואָלוציע. ס'איז צו אַן אַלטער גרויסער פאַרטעך, ווייסט
אַליין דאָך — און כ'וויל אַ קלאָרן ענטפער, ניט קיין טרייסט.

— צוואוואָס, זאָג, דינה קרויז, זאָל דאָרט אַ ייד גאָר וועלן
ס'לאַנד פאַרלאָזן פון דער העלער הויט ?

און אויב פֿאַראַן אַזאַ, דאַרף מען זיין געטריישאַפט שטעלן
אונטער אַ פֿרעגצייכן, ווייל אַנפֿאַרטרויט
איז איטליכן אַן אַרבעט אין אויפֿבוי פֿונעם גליק
און ווער סע וויל פֿון לאַנד אַנטלויפֿן, איז אַן אַנטי-באָלשעוויק.

און די „קעמפֿער", וואָס דו טענה'סט, האָבן דאָך אַליין אין ווידויס
און ביי אַן אָפֿענעם פּראָצעס
צוגעגעבן, אַז זיי האָבן קעגן פֿאָלק געגרייט מרידות
אין חושכדיקע ווינקלען פֿון מעת לעת;
איז וואָס האָסטו דערוואַרט זאָל מען זיי טאָן — אַ גלעט?
צו שפּעט האָבן די פֿאָלקס-פֿאַררעטער געשלאָגן זיך על חטא!

— ווילסט וויסן, שלמה, דעם נאַקעטן און הוילן אמת?
ביסט אַליין אַ קרבן פֿונעם וואָרט,
וואָס שוואַרצט פֿאַרשטעלט אַריבער יעדע לשון-גרענעץ
צו דורכפֿירן אַ מאַסן-מאָרד
מיטן האַלבן אמת. זינט ווען געהערט דער גוף פֿונעם
באַפֿרייטן שקלאַף
צו דעם באַפֿרייער? און די ווידויס — לייען: פֿאָרסירטער
עפּיטאַף...

## ב.

— ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אויב דער טאָג איז נאָר קלאָר,
אַז אַ מענטש פֿון מיין יונגקייט, אַ יונג פֿון מיין דור
איז דריי מאָל אַזוי אַלט, ווי ער האַלט אַז ער איז,
און ער לעבט, כאָטש דאָס לעבן טראָגט אים אויף אַ שפּיז.
ס'איז זיכער ווי גאָלד, אויב ס'איז גאָלד נאָך אַ מאָס:
ווען מען זאָל ניט פֿאַרשליסן די וועלט אויף קיין שלאָס,
ווען מען זאָל ניט פֿאַרריגלען אויף ריגלען קיין האַרץ,
וואָלט ניט די שוואַרצקייט געווען אַזוי שוואַרץ
אַז זי זאָל פֿאַרנאַרן דעם פֿינצטערן נאַר:
באַ'גנב'ע די וועלט און זיי דו דער האַר!...

— אַ יונג פֿון דיין דור איז פֿון אַלטקייט ניט אַלט.
ער ווייסט פֿאַרגוואַלדיקער שרייען „גוואַלד —

דער רייכער באַ׳גנב׳עט דאָס רייכטום״, בעת זיי
באַרויבן דעם אָרימסטן אָן שום געשריי,
און טוען אים אויס פון זיין לעצטן געדאַנק
און הייסן אים זינגען אַ ליב און אַ דאַנק
און גלייכן אים אויס דעם הויקער אַז גלייך,
גלייך זאָל ער זיין מיט דער ערד וואָס איז רייך!
נאַר פאַר לאָמפּן האָט מורא דער פינצטערער נאַר,
טאָמער וועט מען דערזען אַז ס׳איז גאָרניט קיין קונץ
צו באַרויבן באַרויבטע, ווען „ס׳בלייבט צווישן אונדז״:
באַ׳גנב׳ע די וועלט, וועסטו אויך זיין דער האַר!...

(יעמוד — אויף אַ רגע דער ידישער סופליאָר!
די פרעסע האָט זיך אויך פאַרדינט אַ מפטיר;
כאָטש ווער ס'האָט ליב די ביידע אַלע יאָר
— ס'הייסט די בלעטער און דעם יידישן טעאַטער —
וועט ליב האָבן זיי ווייטער אַ פאַרגאַפטער,
ווען אַפילו ער ווערט געוואָר
אַז צוגעזינדיקט האָבן ביידע קעגן אונדזער דור;
נאָר מיט דעם, זאָגט רש"י, בעסער ניט מאַטער...)

## 53. די גאָלדענע קאַלב נומער צוויי

אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער קעניגט „יאָשע קאַלב"
און בערד אין צענדליגער שוואַרצקינצלען אויף דער בינע;
מאָריס רייבט זיך איין מיט באָריס טאָמאַשעווסקי׳ס זאַלב,
אַלץ וואָס ס׳פעלט אים, איז יענעמ׳ס פאַלערינע.

סעקאָנד עוועניו איז פול מיט בראָנזוויל און איסט בראַנקס,
סענטראַל פאַרק אַפילו ליפערט קאָסטימער צו שוואַרצן;
און יענער דעקלאַמירט אין גרים: איך ברענג דעם רענעסאַנס,
מעג מיין „קאַלב" ניט זיין אייך אַלעמען צום האַרצן.

טאָמאַשעפסקי זינגט שוין אין אַ וויין-קעלער, אַ שענק,
און לודוויג זאַצעס נאָמען הייבט אָן ביסלעכוויז צו בלייכן;
יאָרן לויפן און די קאַלב מיט אַ צעבראָכענעם געלענק
„לויפט" און טראָגט מיט זיך אַ וואָרנדיקן צייכן:

„נאַכסאָל, גרויסמייסטער, שפילן זיך מיט בערד?
איז איצט די צייט — ווען ס׳לויערן אויף דיינע ברידער
וועלף, ווען ס׳הייבט אָן ברענען אונטער זיי די ערד!?
אויף דער בינע איז אַזאַ איינעם, ווי דו, באַשערט
צו זיין אַ וועגווייזער, אַ נביא!..." נאָר אין האַרמידער
פון ספעקטאַקל האָט דער גרויסמייסטער דאָס אַלץ פאַרהערט.

## 54. לאַגערן

די פּרעסע אויף דער יידישער אַמעריקאַנער גאַס
איז צעטיילט אין לאַגערן מיט שטעכעדיקע דראָטן;
די לינקע פּרעסע זייט, ווי תמיד, קעגן רעכטע — האַס,
און די רעכטע — וואַקסט איר איבער, ווי אַ שאָטן.

איציק פעפער שמ'ט אַריבער אַזש אַהער אַלס סטאַר
און צעפּאַסעוועט די רעכטע שרייבער אַריבער אַלע גרענעצן;
ביי געוויסע יידן איז נאָך היטלער אַלץ ניט מער, ווי אַ נאַר —
איז לאָמיר אויסשלאָפן דעם שלאָף פון לאַנגע געניצן.

און „די מאַסן", ווינד און ווייַ, זענען צעמישט
פון די קאַמפן די פּאַפּירענע, פון נעמען-רופעניש;
דער נעכטיקער רעוואָלוציאָנער הייסט היינט פאַשיסט,
אויסגעהיט איז „איינער" בלויז פון בעל הגופעניש.

אין אייראָפּע בושעוועט די ברוינע פּעסט
און די יידישע אַמעריקע ליגט צעטיילט אין לאַגערן;
איין צד קומט-אָפּ מיט אַ פּאַפּירענעם פּראָטעסט
און דער צווייטער — מיט פּראָקלאַמאַציעדיקן גראַגערן.

(בריוו דערציילן אָפטמאָל מער, ווי עס דערציילט
אַ געשיכטע־בוך פון שרייבער־הענט געניטע;
טאָקע ווייל דער בריוון־שרייבער איז ניט אויסדערווײלט
צו פירן אומשולדיקע ווערטער צו דער שחיטה,
און איז ניט צוגעבונדן צו קיין לאו און היתר,
ווייל דאָס האַרץ דאָס מענטשלעכע פאַרטרעט ער.)

## 55. שלמה׳ס טאַטע שרייבט אַ בריוו

יום כי טוב... ג׳ אלול, שנת תרצ״ח.

צו מיין ליבען זוהן שלמה לעבען זאָל. מיין טייער קינד
היתכן ? לאָזט אונז וואַרטען אויף אַ בריוו מי יודע וויפיל
וואָכען און חדשים. ביסט פאַרנומען מיט ראַטעווען די וועלט.
בין איך
צופרידען און ווינש דיר כוחות נאָר כ׳בעט דיך האָב אין זינען
אַז די
אידען זענען פון די ערשטע אויף צו ראַטעווען. האָסט
געשריבען ערב
פסח אַז אין שפּאַניע גיסט זיך בלוט. אינדיע הונגערט. אוודאי
ווייס איך וואָס דאָס מיינט. אָבער זוהן מיינער. צי טוט דיין
בלוט ניט
זידען ווען אַראַבער אין ארץ ישראל קוילענען שוין ווידער
אידען ? און איין ג׳ זאָל זיך מרחם זיין אויף אונז אין
פוילען. מיר זיצען דאָ בפירוש ווי אויף הייסע
קוילען און איטלעכער טראָגט זיך אַרום מיט׳ן געדאַנק צו
לויפען. נאָר וואוהין אַנטלויפט מען איז די קשיה. אַז
אויפען אידען אויסגעגאָסען איז ג—ט׳ס צאָרן.
צוגעמאַכט זענען די טויערין פון אַלע פרייע לענדער
נידאָגעדאַכט. מהיכא תיתא גיב אַ טראַכט אפשר וועסטו
קענען אונז אַריבערנעמען קיין אַמעריקע איידער ס׳הויבט אָן
ברענען אויף דער וועלט אַ נייע שריפה. מיר וועלען ניט חלילה
פאַלען קיינעם ניט צו לאַסט. ליבער זוהן. איך וואָלט געוועז

אַ בעלן צו וויסען וואָס דו טראַכסט וועגען דעם
פּלאַן. דערוויַיל לעבט מען אין שרעק און מען גייט ווייטער אין
געשפּאַן. און דו שלמה ? ביסט עפּעס אין אַמעריקע
געוואָרען אַ מאָדנער מענש. איך מיין זוהן אין דיינע
יאָרען האָב שוין געפּירט אַ הויז. האָסט יאָ עפּעס דערמאָנט
וועגען אַ מיידעל דינה. איז ווען איך שעם זיך ניט צו
פרעגען וואָלט איך דיר פּראָסט פּשוט שוין אַ פרעג
געטאָן. נו ? וועדליק דיין באַשרייבען איז זי גאָר אַ זעלטענע
פּערזאָן. און ווי איך שטויס מיך אָן אַליין איז זי לויט דיין
גוסט. למאי זשע וואַרטען ? נאָר מסתמא ווייסטו בעסער וואָס דו
טוסט. היינטיגע אייער זענען קליגער פון די הינער זאָגט די
וועלט. כאָטש דער אמת איז אַז וואָס אייך קינדערלעך
פעלט צו חכמה מעג עס אַלעמען אונז צוקומען.
הכלל איך דאַרף דיר זוהן מיינער ניט לערנען קיין
מאָראַל. איך וואַרט מיט אונגעדולד זאָלסט
שרייבען און ווי תמיד טו איך דיר
פאַרבלייבען דיין געטרייער פאָטער

אברהם לייב.

עיקר שכחתי
דיין שוועסטער ברײנדל וויל אויך צושרייבען עטלעכע ווערטער
און זי וועט שוין באַלייגען דעם בריוו.

ה"ל

טייערער ברודער!
אַז איך בין אַ חלוצה, ווייסטו דאָך פון פריערדיקע
בריוו. כ׳קאָן זיך קוים דערוואַרטן אויפ׳ן
פאָרן. און וועגן זלמנ׳ען ?—ער איז יאָרן-לאַנג געווען
אַקטיוו אין „יאָסל׳ס״ פּאַרטיי און
יאָרן אָפּגעזעסן ביז ער איז אַרויס פון
תפיסה. דערנאָך איז ער אַריבער די גרענעץ
קיין מינסק. סאַ קורצע געשיכטע, נאָר זייער
אַ מיאוס׳ע... די איראָניע דערפון: פון פּאַשיסטישן פּ—ן איז זלמן
אַרויס אַ לעבעדיקער און דווקא אין זיין „פּאָטערלאַנד״
האָט מען אים דערשאָסן. געגנוג חברים זענען אַנטרונען און
גרויס איז זייער ווייטיק. די קויל פון יענער זייט,
פון מינסק, האָט אויך געטראָפן און האָט דורכגעשאָסן
דעם גלויבן פון אַזעלכע זלמנ׳ס וואָס זענען זיך מקריב
דאָ הי. ווי האָט זיך איינער אויסגעדריקט צו זלמנ׳ס שוועסטער
חנה׳קען: מיר קעמפן אַז פון פינצטערניש זאָל ווערן
אינדערפרי, איצט גייען מיר אויף די לוויות פון אייגענע
געדאַנקען...

דער טאַטע איז ניט שטאַרק צופרידן פון מיין פלאַן קיין
ארץ אָפּצופאָרן גאָר אין גיכן. ס'הייסט, ער אַליין וואָלט
גיך אַהין געפלויגן, ווען ער זאָל נאָר קאָנען. און דאָס
וואָס די אַראַבער קוילענען, וואָלט אים אויך ניט אָפּגעהאַלטן,
נאָר
מיך האָט ער גע'עצה'ט : וואַרט-צו ביז ס'וועט זיך איינשטילן
אַביסעל. פּאַרשטייסטו, שלמה, אין וואָס פּאַראַ מין
לאַגע איך געפין זיך ? אַז כ'פאָר, איז
אָפּגערעדט. נאָר לאָזן הי דעם טאַטן, איז אַ גרויסע
פּראַגע צי מען מעג, ווייל ס'איז שוין שפּעטער נאָך ווי
שפּעט אין פּוילן, ווי בכלל אין גאַנץ אייראָפּע. שרייב
וואָס גיכער. אַז היטלער איז ניט סתם קיין בלוטיקער
מאַניאַק, דאַרף איך דיר זיכער ניט
דערמאָנען. טו אַלץ, און שנעל, וואָס דו וועסט
קאָנען אַרויסצוראַטעווען דעם טאַטן אונדזערן אין צייט.
חזק !
דיין שוועסטער ברײַנדל.

30סטער אויגוסט, 1938.

פּ. ס. אויב דו זעסט דעם דיכטער וו. י.,
גריס אים. באָדט ער זיך נאָך אַלץ אום ווינטער,
ווי אין יענע יאָרן וואוינענדיק אין שטעטל ?
ניסים, ס'איז פון אים ניט קיין שטיק אייז געוואָרן . . .

# VI

(„אַז אַ מענטש איז אין די יונגע יאָרן,
איז ער שטאַלטנע־שיין;
נאָר אַז ער קומט אויף די עלטערע יאָרן,
ווייסט ער תּמיד מיין״;
ווען ער וואָלט אַ זקן געבאָרן געוואָרן,
וואָלט ער אפשר ניט געדאַרפט פאַרגיין...)

# 56. מייסטערווערק

העגט באַאָדערטע פון לאַנגע יאָרן אַרבעט
האַלטן ציטערדיק אַ תהלימל. די ליפּן שעפּטשען.
און אויף איר פּנים פאַרשריבן, ווי אויף פּאַרמעט,
עקשנותדיקער גלויבן. די זקנה שעפּט שוין
פונעם תהלימל מיט אירע קלוגע אויגן
גאַנצע דורות יידישן בטחון,
זינט ס׳האָבן כלבים אויסגעזויגן
דעם מאַרך-ביין פון דער וועלט, זינט צעשטאָכן
ס׳האָבן שונאים לייב-און לעבנס פון אַלע
אירע אייגענע אויף יענער זייט פון ים
און פאַרברענט די קנאָכן.

זי אַליין איז איצטער אַלע.

ווי פון אַלטע מייסטערס אַן אויל-בילד ווערט נתגלה:
די זיצנדיקע זקנה אין פאַרנאַכטן-פאַרבן,
אַ מייסטערווערק פאַראייביקט אין אַ ראַם
פון שטראַלנדיקע גאַרבן.
הינטערגרונט — ניו יאָרקער פּאַנאָראַמע.
איר ווייסער קאָפּ אין שקיעהדיקן פלאַם.

וואָס געווען, איז געווען אַ ליקוי חמה
און אויף די קינדער פון איר שטאַם
וועט די זון נאָך לויכטן מיט גאָטס ווילן:
קיין זאַך טוט זיך אויף דער וועלט ניט אָן אים . . .

אַ ווינט וויגט דינע צווייגן-שאָטענס אויף איר פּנים,
ווי ער וואָלט אויף שטומע האַרפן-סטרונעס שפּילן.

# צוויי פייגל

צוויי פייגל זיצן אויפן שפּיץ פון אַ טאָפּאָל
און טראַכטן אומעטיק אינאײנעם:
„אַמאָל איז דאָ געווען אַ בליענדיקער טאָל,
אַצינד ניטאָ קיין גרעזעלע פאַר קיינעם;
דער טאָל איז פול מיט וואַקסנדיקן שטאָל
און מיט מילאָנען מענטשלעכע אַליינען.
גיי, זינג — אַז קיינער הערט גאָר ניט דיין קול,
רחמנא יצילנו״.

צוויי פייגל זיצן אויפן שפּיץ פון אַ טאָפּאָל:
נאָך אַ רגע — און זיי וועלן זיך צעוויינען.

# ניו־יאָרקער זון־פֿאַרגאַנג

רויטער קויק אין רויכערדיקן נעפּל
זינקט איין, זינקט איין;
ווער אַזוינס דעם גרויסן פֿלאַמענדיקן עפּל —
ווער אַזוינס שלינגט איין?

עמפּאַיר סטעיט מיט אַ פֿאַרשניצטן פֿייער
גליט לאַנג, גליט לאַנג;
הינטער ניו יאָרק אַ קאָרן־זאַנג ביים שייער
גליט־מיט אין זון־פֿאַרגאַנג.

שטאַרקע שטאָט באַשלאָגענע מיט רייפֿן
פֿון שטאָל, פֿון שטאָל;
פֿון אונטער דרערד ביז הונדערט־גאָרנדיקע שלייפֿן
דער פּולס קלאַפּט אַלעמאָל.

ווי לאַנג צוריק? — סעדער נאָך געוועזן,
און באַר, און פּלוים...
איצט שניידט דער גיפּט, ווי אַ בייסיקע שניידעזע,
יעדן פּליט (פּאָליט) פֿון אַ בוים.

וואו פּעלז געוואקסן איז, וואו—וועלדל,
וואַקסט מויער שטאָק אויף שטאָק;
דער לעצטער שטראַל אין וואָלקנדיקן פּעלדל
פֿאַרנייט דעם לעצטן פֿאָדים טאָג...

## 57. אַן אַלטער זייגער

אַ פּייכטע קילקייט טראָגט זיך פון די האָדסאָן-ברעגעס.
אָוונט-פענצטער לעמפּלען זיך.
ווי אַן אַלטער גריך
די דראַכמעס, ציילט אַן אַלטער זייגער זיינע רגעס,
נאָר פאַרליבטע פּאָרלעך קוקן זיך ניט אום אויף אים:
ווער וויל זען אַ וועלט אין זייגערס און אין גרים ? !...

## 58. דער צוזינג

אונטער העגרי האָדסאָן בריק ליגט ניו יאָרק אַ גאַנצע שטיק;
מיט אַ ניגון פליסט דער שטראָם און מיט אַ צוזינג: טשירי-באָם.

בערג און פעלזן האַרט ביים ברעג האָרכן איין זיך גאַנצע טעג
צו דעם ניגון פונעם שטראָם מיט זיין נאָכקלאַנג: טשירי-באָם.

אָונט-כוואַליעס אין געשפּאַן פירן שטערן צום אָקעאַן,
און אין שוימען-פלייץ און שטראָם — די באַגלייטונג:
טשירי-באָם.

אַלע טורעמס שווימען-מיט, ווי פאַרשכורט פון אָקעוויט —
שווימען-מיט צום ים און תהום, און זינגען אונטער:
טשירי-באָם.

און דער ים, וואָס אַלץ פאַרשלינגט, שלינגט די שטערן איין
און זינגט
— ניט אַזוי דאָס ליד פון שטראָם, ווי דעם צוזינג: טשירי-באָם...

# VII

(צווישן אַלע מינים זאַכן אויף דער וועלט
וואָס יעדער איינער מוז עס טאָן פּערזענלעך,
איז — טראַכטן; סיידן אימיצן געפֿעלט
דאָס פּאַרטיק־צוגעטראַכטע, וואָס איז ענלעך
אויף זיין אייגענעם געדאַנק —
לייגט ער עס אַריין צו זיך אין באַנק,
גייט אויף יענעמס פּאַרטיק־צוגעטראַכטע וועגן,
און גלויבט אַז ער פֿאַרמאָגט שוין אַ פֿאַרמעגן.)

# 59. די ערשטע שפּאַלטונג

## א.

ס'טרעפט, אַז שלמה זעט (ניט אויף קאַטאָוועס)
אין איטלעכן ציוויל-געקליידטן אַ פאַרשטעלטן זעלנער,
וואָס אַרבעט אָן געצאָלטס ביים מלאך המוות
אַלס אַ קעלנער.

„למאַי, אינגאַנצן גאָר, דאָס געבן טויטע קלעפּ ?
נאָך וואָס געפעכט און בלוט-פאַרגיסונג ?"
האָט טאָקע גאָר דער שכל אינעם מענטשן אויסגעוועפּט ?
נאָך וואָס די שיסונג ?

וואָלט ניט געווען גרינגער זיך צונויפריידן, ווי לייט,
אויסגיסן דאָס האַרץ וועגן קריוודעס און פאַרדרוסן ?
דורך קלאָרע, פּראָסטע רייד וואָלט זיך די וועלט באַפרייט
אָן קיינעמס זכותן.

און שלמהן דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך שוין דערטראַכט
צום גרונטיקסטן געדאַנק, צום שכלדיקסטן רעיון ;
טאָ, ווער-זשע שרייט : „וואָס זיצסטו, ווי אַ סאָווע אין
דער נאַכט,
אויף צווייגן שטותרייען ? !"

## ב.

צעשפּאָלטן האָט זיך שלמה אויף דער העלפט,
און איינער פּירט וויכוחים מיטן צווייטן :
נאָך וואָס האָט יעקב אויף שבטים אונדז צעצוועלפט ?
— אונדזער פריד און גלויבן צו פאַרשפּרייטן.

פאַרוואָס-זשע קריגט זי זיך, די וועלט, אָן סוף ?
און צואוואָס דערפינדן טויט, ווען אַ דערפונדענער
שטייט ער תמיד גרייט מיט זיין סודותדיקן שטאָף ?
א-הא, געפּאַקט ! איצט ליגסטו אַ געבונדענער !...

— בהמה, דו. אַ מענטש, אין דער נאַטור, האָט ליב...
(ווער ליב, וואָס ליב ? ס'רעדט זיך דאָך וועגן זיין שנאה !)
...און די ליבע איז אַ זאַך פון „נעם און גיב",
איז — אין די מעסטלעך ליגט די נפקא מינה.

וואָס-זשע ? ווילסט פאַררייידן מיר די ציין ?
כ'פרעג פראָסט און פשוט : צוואוואָס געשלעגן ?
איז ניט געווען בעסער אין אַלטער צייט פון שטיין,
ווען ס'איז די וועלט נאָך אין די וויקעלעך געלעגן ? !

— אַלץ, וואָס איז געווען אַמאָל, ווערט שיין און וואויל.
פאַרגעסט, אַ מענטש פאַרגעסט דאָס שלעכטס ; ס'איז בעסער
אָפטמאָל. נאָר : האָט קין ניט דערהרגעט הבלען אָן אַ קויל ?
איז נאָך וואָס באַשולדיקן אַ מעסער,

צי אַ ביקס ? ווער שטעכט און שיסט פון זיך אַליין ?
— פון אויבן-אויף איז דיין ענטפער טאַקע אַ גערעכטער ;
טאָ, ווער-זשע צווינגט אַ מענטשן אין מלחמה גיין ?
און ווער באַשטימט : דער — צום געשעכט, יענער — דער
שעכטער ?

אָט דאָ ליגט די טראַגעדיע אין דעם „ווער ?"
ווייל אויך דער שוואַכער ווערט אַ קריגער, ווען ער קריגט
די גבורה ;
„אָ, ניט דורך כוח, ניט דורך ביקס און רעוואָלווער
וועט קריגן אונדזער וועלט אַ נייע צורה !"
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צעשטאָכן האָט זיך שלמה ביי דעם דאָזיקן געדאַנק :
פון דעם פרומען ווינקל בין איך דאָך יינגלווייז אַנטלאָפן !
אָ, ניין ! ווען ס'איז די גאַנצע וועלט מסוכן-קראַנק,
קאָן אַ מענטש ניט אָפּקומען מיט בלויזן האָפן...

## 60. לחיים!

זיינען געלאָפֿן די וואָכן די טעג און די נעכט,
ווי ס׳לויפֿן צעכוואַליעטע שטראָמען געשווינד באַרג אַרונטער;
ס׳האָט שלמה געזען ווי די שטאָט זיינע טרוימען צעשטעכט
און ווי די וועלט פֿאַר אים אין די אויגן גייט אונטער.
איז ער אַוועק צו די ברעגעס פֿון ים אַ פֿאַרנאַכט
זיך אויסטאָן פֿון שטיין און פֿון שטאָל און פֿון שטויבן און רויכן;
דעם גרינלעכן ים האָט געאַקערט אַ שלעפּשיף מיט פּראַכט
און אַ ווינט האָט צוקאָפּנס פֿאַרבראָנעוועט זילבערנע הויכן.
האָבן זיך מעוועס געהוידעט אויף כוואַליעס ביים ברעג,
אַ הייב און אַ בייג און אַ טויך — ווי אַראָפּ פֿון געמעלער;
און רייפּטלעך לבנה אין וואַסערן זיינען געפֿאַלן צום דעק,
ווי הויפֿנס צעבראָכענע גילדערנע טעלער.

איז ער געשטאַנען, געקוקט און אַליין ניט באַמערקט
ווי ס׳קומט צו אים צו פֿון אַ זייט אַ יונג פֿון די ימען:
— „ס׳האָט ניט קיין פּעני די ווערט דאָס גאַנצענע חזירשע ווערק
אויף דער יבשה מיט מיין און דיין לעבן צוזאַמען.
דער זיכערסטער אָרט אויף דער ערד איז נאָך אַלץ אויפֿן ים!
ווען די פֿיס מיינע רירן אָן לאַנד, באַפֿאַלט מיך אַן אימה;
מען שפּילט דאָ די ראָלע פֿון צדקות און פֿרידלעכן לאָם
און ס׳איז דיין פּריווילעגיע צו גלויבן און זיין אַ בהמה.
מיר גיב אַן אינדזל מיט ווילדע וואָס עסן פֿון טעפּ —
ווי לאַנג נאָר זיי זיינען כאָטש טיילוויזע וועגעטעריאַנער
און האַקן ניט אונטער צוביסלעך קיין מענטשלעכע קעפּ,
וועל איך אויסקומען קענען מיט זיי, מעגן זיי זיין מאַרסיאַנער.
און מיין ניט אַז כ׳בין אַבי־ווער — אַ שאַלאַפּײַ פֿון אַ שענק!
אָנגעלייענט האָב איך זיך אַ וועלט און נאָך מער אָנגעפּאָרן . . .

כ׳אַרבעט, פאַרדין נאָר איך האָב ניט קיין געלט אין די בענק
זיך צו קענען פאַרזאָרגן באַצייטנס אויף די עלטערע יאָרן.
און די יינגערע יאָרן האָט עמעצער שוין זיך פאַרזאָרגט ?
גיב אַ קוק אויף דער שטאָט — אַ ניכפּע אין איר טאָטן אַריינעט !
נאָר מיט אַלע חסרונות האָב איך פאָרט ליב די שיינע ניו יאָרק ;
און אויב ס׳איז פאַראַן אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט, וואָס איז
מיינע,
איז עס ניו יאָרק. אָבער בלייבן דאָ וואוינען ? — נאָו סער !
פאַרברענגען דאָ — יאָ, ווען די שיף לאָזט אַרונטער איר אַנקער.
כ׳זע דו שטייסט ביי דעם ברעג ווי אַ סלופּ פון אַ גאַסן־לאָמטער
און דערקען לויט די אויגן אַז דו ביסט פון שטאָט אויך
אַ קראַנקער.
איז לאָמיר זשע מאַכן צוזאַמען אַ הייסן לחיים דעם ים . . .״
ער האָט אַ פלעשל מיט משקה געגעבן אַ צי פונעם בוזעם
און שלמהן מכבד געווען ווי אַן אייגענעם בשר ודם :
„נאַ, גוטער ברודערל, טרינק — ס׳איז די בעסטע טראַנספּוזיע !״

שלמה, וואָס האָט זייער זעלטן די טעמים פון שנאַפּסן פאַרזוכט,
האָט געגעבן אַ זשליאָקע פון פלעשל דעם ביטערן טראָפּן
און שטאַרק זיך פאַרהוסט פונעם ברען אונעם שאַרפן גערוך :
„לחיים דעם ים !... לחיים דעם רייפטל לבנה צוקאָפּנס !״

---

די זון איז פון לאַנג שוין פאַרגאַנגען, ווי ס׳איז איר באַשערט
אין פלאַמען פאַרגיין אויף אַ בילד, צי אין דיכטערשע גראַמען ;
נאָר דאָרטן ביים ברעג פונעם ים האָט געדרייט זיך די ערד
מיט צוויי סילועטן פון שלמהן און דעם יונג פון די ימען.

## 61. אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש

— „אוי, זאָג מיר, שלמה, וואָס וועט זיין ?
ס'לויפט די צייט, מיר ווערן עלטער ;
אַ מענטש איז — סוף־כל־סוף — אַ מענטש און ניט קיין ווייַן,
וואָס ווערט באַטעמטער זיך עלטערנדיק אין קעלטער.

די ליבע, שלמה, לייגט אין מענטשן רויג.
ס'קומט אַ צייט, דער רויג ווערט צייטיק ;
אַן אויג באַגעגנט זיך מיט נאָך אַן אויג,
אין הערצער שטעלן זיך די וואונדערלעכע מאַי-טעג.

די בענקשאַפט גיט זיך העפלעך אַ פאַרנויג :
ווער ס'קאָן מיך, וועט מיך שוין געדענקען !
די חקירות און די ראַנגלעניש וואָס טויג,
ווען ס'לעבן גופא לאָדט דיך איין צו בענקען ? !

נאָר בענקען, בחור-לעבן, מאַטערט איינעם אויס,
אויב מען דערבענקט זיך צו קיין ברעג ניט ;
פון דער שענסטער ליבע וואָס, אַ שטייגער, קומט אַרויס,
ווען מען איז באַזונדער ? — בעסער פרעג ניט.

איז אפשר, שלמה, וואָלט געווען אַ פּלאַן
מיר זאָלן מער ניט פון דער ווייטנס לעבן ?"
מיט די ווערטער האָט אים דינה (נאָר אַן אַ גראַם)
אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש געגעבן.

## 62. אין דיין גרעסטער שטאָט, אַמעריקע

אין דיין גרעסטער שטאָט, אַמעריקע, אויף דיינע לאַנגע
עוועניוס און גאַסן
גייט אַרום אַ יונגערמאַן און זוכט דיך. אַ פאַרלוירענער,
ווי אַ זאַמד־שטויב צווישן זעמדעלעך מיליאָסן,
וויל ער דיך, אַמעריקע, געפינען. אָפּגעפּלאָסן
איז דאָס גאָלד פון האַרבסט אין דיינע שטאָטן. אַן
אַרומגעשווירענער
צום קאָפּ, ווי אַ בוים פון זיינע בלעטער, איז ער אַרומגעשווירן
פון זיין רו. אין דור פון אָפּגעטער מיט פאַלשע צוזאָגן, יהי־אור׳ן
געפינט ער ענטפערס צוגעשניטענע אויף פאַרדראָסיקע
פאַרוואָסן
און פאַרוועגען ; נאָר דיך, אין דיין מנורה׳נער
צעצווייגעניש פון ליכט, קאָן ער ניט געפינען און דערקענען.

## 63. שלמה׳ס ענטפער צו דינהן

אונדזערע הערצער ריידן טעלעפּאָניש
דורך אַלע גראָזן, אַלע בלומען;
נאָר פאַרבינדן זיך מיט דיר איך קאָן נישט.

די הערצער זענען חבר, נאָר וואָס טויג עס
אַז צוויי מענטשן ליבן זיך, ווען אידעאָלאָגיש
זענען מיר ביידע ברוגז ? !

## 64. אַ שאָד

פריִע פרעסטלעך פרעסטלען אויף פעלדערדיקע פעטע פאַרבן,
פאַרוועלקטע פלאַנצן פיבערן פאַרצווייפלט אין לעצטן
אָטעם-צוג ;
דעם שוואַכסטן גרעזל איז אַ שאָד זיין שטילן לעבן
אויסצושטאַרבן.
און אַ פאַרדרוס זיך אונטערגעבן צו דעם שטאַרקן, וואָס
באַפעלט : גענוג !

ניט נאָר נעסטן פוסטעווען אין נאָוועמבער נע ונד'ן —
נאַקעטע נשמות אָן ניגונים, ווי נאָוועמבער-נעסטן, זענען פוסט.
שאַרפע ווינטן חתמענען דעם אורטייל מיט שפּיציקע כתב ידן,
ס'לעצט-עקשנותדיק און איינגעקלאַמערט בלעטל פאַלט
פון קוסט.

### (געזעגענונג)

פון טיפן האַרצן טוען מיר אייך באַדאַנקען
פאַר אייער מיטפאָרן מיטן מחברס געדאַנקען,
ווייל אָן אייך, לייענער, זיינען מיר
ווי ווייסע אינדזלען אויף געדרוקטן פאַפיר.

איז — זייט געזונט, איר אַלע ווייבער און מאַנען,
וואָס לייענען יידיש־קודש׳ע ראָמאַנען
אַפילו אין גראַמען. זעקסטער יאָר
פון נאָכן דריטן חורבן, אין דור
ווען ס׳איז דער גלויבן פון אונטערדריקטן אָרימאַן
געוואָרן חרוב לויטן נוסח פינף יאָר פלאַן
בשנת ממשלת הליליפוט.
נאָר אַז דער מענטש דער פשוטער איז גוט —
אין דעם איז איטלעכער פון אונדז בטוח
און בתוכם אייער,
בלב ונפש — וואָוו יוד.

# דערקלערונגען

# פון

# ווערטער

# דערקלערונגען פון ווערטער

כדי צו פאַרגרינגערן דעם ראָמאַן פאַרן לייענער מחוץ די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט דער מחבר געפונען פאַר נייטיק צוצוגעבן דעם דאָזיקן גלאָסאַר און אַ צאָל דערקלערונגען וועגן געוויסע אַנגליציזמען און אַנדערע ווערטער לויטן סדר ווי זיי זענען געדרוקט אין די לויפנדיקע קאַפּיטלען.

**נעוו יאָרק** — ניו יאָרק (ווי מען רופט די שטאָט אין מזרח אייראָפּע).
**בראָנקס עקספּרעס** — אונטערגרונט־באַן, וואָס פירט צו די בראָנקס, טייל פון ניו־יאָרק.
**סאָבוועי** — אונטערגרונט־באַן.
**מאַנהעטן** — דער אינדזל אויף וועלכן ס׳געפינט זיך דער הויפּט געשעפט־אָפּטייל פון דער שטאָט ניו יאָרק; דער טייל פון ניו יאָרק סיטי, וואָס באַשטייט פון אינדזל מאַנהעטן.
**עוועניו** — אַ שטאָטישער דורכפאַר־וועג וואָס ציט זיך פּערפּענדיקולאַר צו די אַנדערע, וואָס ווערן אָנגערופן „סטריטס״ (גאַסן) — לויטן אַמע־ריקאַנער אויסטייטש.
**ווי גלייכסטו** — ווי געפעלט דיר? (אַ פאַרגרייזטער אַמעריקאַניזם, וואָס איז אַריין אין טאָג־טעגלעכן היגן יידיש־לשון).
**נעקסטדאָריקע** — שכנה (פאַריידישטער אַנגליציזם).
**נעפיו** — פּלימעניק.
**יוראָפּ** — אייראָפּע.
**אַ גרינער** — אַ ניי־געקומענער, נאָך ניט איינגעבירגערט.
**העלאָ** — רונד־אַרומיקער באַגריסונגס־וואָרט פאַר אַלע צייטן פון מעת־לעת (פון ענגלישן „העלאָו!״).
**„גיב אים אַ טשענס״** — גיב אים אַ געלעגנהייט (פון ענגלישן: גיוו הים אַ טשענס).
**אַנגלען** — קיי־מוסקולן (אַלט־יידיש).
**לעט האָר רעסט אין פּיס** — זאָל זי רוען בשלום (אין קבר).
**פּיקטשע** — בילד (פאַרגרייזט פון ענגלישן „פּיקטשור״).

**געפעינט** — געמאָלן (אַמעריקאַניזם).
**צ׳ אָלרייט** — ס׳איז גוט. אין דעם פאַל — נישקשה. (פון ענגלישן — איט׳ס אָלראַיט).
**רעדנעק** — גראָבע זעק, גרויסע ציכן פון גראָבן זאַק.
**„ענד דאָנט פאָרגעט״** — און פאַרגעס ניט.
**אָלוועיז** — תמיד
**קאָפי** — קאַפּיע
**סעמי־אילאַי** — צוויי אַמעריקאַנער צוזאַמענגעזעצטע נעמען פון אַ מאַן
**באָי** — ייִנגל, בחורל (אַזוי רופט מען אַ זכר פון זיין געבוירן טאָג אָן ביז ער ווערט אַ יאָר 18, אַ יונגערמאַנטשיק. אָבער ס׳וואָרט ווערט אויך באַנוצט בכלל פאַר אַ מאַן)
**טשעינדזשען** — פאַרבייטן (פאַרגרייזט פון ענגלישן)
**ריעל יענקיש** — עכט אַמעריקאַניש
**סאַנק סאָ ביוריפול** — ס׳קלינגט אַזוי שיין (פאַרגרייזט פון ענגלישן — איט סאַונדס סאָ ביוטיפול)
**וואָליע** — דאָס שפּיז־זעקעלע ביי עופות אונטערן שנאָבל.
**בראָנזוויל, בענסענהורסט, פלעטבוש** — יידישע קוואַרטאַלן אין ברוקלין, טייל פון ניו יאָרק.
**דאָון טאָון** — איינע פון די הויפּט־צענטערן אין ניו יאָרק.
**„די 400״** — די געקליבענע אַריסטאָקראַטיע, ס׳אויבערשטע פון שטויסל.
**האַוואַיע ?** — וואָס מאַכט איר ? (פאַרגרייזט פון ענגלישן האַו אַר יו ?).
**בי. עם. טי.** — איינע פון די אונטערגרונט באַן־ליניעס אין ניו יאָרק.
**פעמילי רעיוניאָן** — משפּחה־צונויפקום.
**„וואָכן דערהרגעט״** — געפּטרט צייט.
**אָרטשאַרד, עסעקס, סטענטאָן סטריט און גרענט** — גאַסן אויף דער יידיש־באַוואוינטער איסט סאַיד אין מאַנהעטן.
**איסט סאַיד** — מזרח־טייל פון מאַנהעטן אין ניו יאָרק, וואָס איז באַקאַנט ווי אַ געדיכט־באַוואוינטע יידישע געגענט זינט דעם לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט.

**היער ווערדען סוטס פערשטאָפּט** — דאָ ווערן פאַרשטאָפּט (פאַרוועבט לע־
כער אין) מענער־קליידער. (געמיש פון דייטש און ענגליש).
**עס ווירד פערדענט איין רום** — ס׳ווערט פאַרדונגען אַ צימער (פאַרדייטש־
מערישטער ענגליש).
**דזולערי** — צירונג, בודזשעטעריע (פאַרגרייזט פון ענגלישן דזשועלרי).
**צעינס** — קייטעלעך (פאַרגרייזט פון ענגלישן: טשעינס).
**העסטער פּאַרק** — געפינט זיך אין האַרץ פון דער יידישער איסט סאַיד.
**איסט בראָדוועי** — גאַס פון יידישע רעדאַקציעס און קהלשע אָרגאַניזאַציעס
אויף דער איסט סאַיד אין ניו יאָרק.
**פּאַראַנשטאַלטעט** — צוגעגרייט, אַראַנזשירט.
**דזשאַב** — אַ שטעלע, אַן אַרבעט.
**שאַפּ** — פאַבריק, וואַרשטאַט.
**„גיוו די באַי אַ ברעיק"** — גיב דעם בחור אַ געלעגנהייט.
**אָ קעי** — אַלץ אין אָרדענונג, וואויל און פיין.
**באַט** — אָבער.
**יעס סערי** — יאָ, הערעלע; יע, מיין הער.
**וואַי נאַט?** — פאַרוואָס ניט?
**פּעי** — לוין־געלט, שכירות.
**קאַרפּעיר** — געלט צו באַצאָלן פאַרן פאָרן אויף אַ טראַמוואַי, אויטאָבוס, סאַב־
וועי א. אַ. וו..
**פּאַקעט** — (אַקצענט אויפן ערשטן זילב) קעשענע.
**סוקסעס** — דערפאָלג.
**„מאַכן ניט קיין לעבן"** — ציען ניט קיין חיונה, האָבן ניט קיין פרנסה.
**באָס** — באַלעבאָס; אין אַנדערע פאַלן אויך אויטאָבוס.
**פּאָעט משה לייב** — מ. ל. האַלפּערן.
**וואָלטן און אַמפּערן** — 1) מאָס פון עלעקטרישער שפּאַנונג. 2) שטאַרקייט־
מאָס פון עלעקטרישן שטראָם.
**האָרי־אָפּ** — גיכער; אייל זיך צו.
**שמערגל־פּאַפּיר** — זאַמד־פּאַפּיר צו פּאָלירן מעטאַל, ווי גלאָז־פּאַפּיר פאַר
האָלץ.

„שיסט די העמדער״ — נייט אויף אַ סך, גיט אַרויס אַ סך אַרבעט.
דרילך — אַ שטאַרקער געדיכטער געוואַנט, ווי אַ מין ברעזענט.
ראַש — געיעג, געאייל; געוויינלעך אין געלאַף צו דער אַרבעט.
אויטאָמאַטן — טיפּיש־ניו־יאָרקער רעסטאָראַנען, וואו מען באַדינט זיך אַליין
אַריינוואַרפנדיק די מטבעות און אַרויסנעמענדיק פון פּאָליצקעס פאַר־
טיקע שפּייזן.
קאַפעטעריעס — קאַפע־רעסטאָראַנען, וואו מען סערווירט זיך אַליין.
סענדוויטש — צוויי רייפטלעך ברויט מיט שפּייז אין דער מיט.
קאָזין — קוזין.
מיסטער — הער.
מיסעס — פרוי.
דאַטסראַיט — ריכטיק.
קאָמפּאָזישאָן — קאָמפּאָזיציע.
פּליז — ביטע, איך בעט אייך.
רעדי — גרייט.
„איך גיי שיסן״ — איך גיי פאָטאָגראַפירן (פאָטאָגראַפערס לשון).
„ליסען טו מי,קידס״ — הערט מיך אויס, חברה.
„יו ליסעניגג?״ — איר הערט? (פאַרגרייזט פון „אַר יו ליסעניגג?״).
בעיסבאָל — פּאָפּולערסטע ספּאָרט־שפּיל אין אַמעריקע. (ווערט געשפּילט
מיט אַ פּילקע און אַ גראָבע פּאַלקע, גראָבן שטעקן. די צוויי גרופּעס
שפּילער פאַרמאָגן צו 9 אין יעדער גרופּע און דאָס שפּיל־פעלד האָט
4 מעטעס, באַזעס).
קענדי סטאָר — געוועלב פון סעלצער־וואַסער און צוקערקעס.
טשואינגאָם — קײַ־גומי.
דאַים — צען סענט.
קוואָרטער — אַ פערטעלע, 25 סענט.
פאַנים — קאָמישע בילדער־סעריעס, וואָס דרוקן זיך אין דער פרעסע און אין
באַזונדערע ביכלעך.

**אייזקרים** — פאַרפרוירנס, (אייזקרעם, מאַראָזשענע).
**„איך גיי קריגן האַסינע"** — איך גיי חתונה האָבן.
**„וויש מי לאַק. גוד באַי"** — ווינטש מיר מזל־טוב. אַ גוטן!
**גענגסטערס** — מיטגלידער פון אַ באַנדע קרימינאַלניקעס, אונטערוועלט־פאַרשוינען.
**איסט ריווער** — טייך אין ניו יאָרק, וואָס ציט זיך איבער דער מזרח־לענג פון שטאָט.
**יוניאָנס** — פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען.
**ווירדזשיניאַ ריל** — אַמעריקאַנער פאָלקס־טאַנץ.
**מעיאָר** — בירגערמייסטער פון שטאָט.
**לי** — גענעראַל ראָבערט עדוואַרד לי, הויפּט־גענעראַל פון אַלע קאָנפעדעראַטיווע אַרמייען אין בירגער־קריג פון אַמעריקע. האָט זיך אונטערגעגעבן צום גענעראַל גראַנט דעם 26סטן אַפּריל, 1865.
**דזשאָנסטאָן** — גענעראַל דזשאָוסעף עגעלסטאָן דזשאָנסטאָן פון דער קאָנפעדעראַטיווער אַרמיי, האָט זיך אונטערגעגעבן דעם 9טן אַפּריל, 1865.
**בוטה** — דזשאָן ווילקס בוטה, ווינציק־באַקאַנטער אַקטיאָר — פאַנאַטיקער, וואָס האָט דעם 14טן אַפּריל, 1865, דערשאָסן דעם פּרעזידענט איברהאַם לינקאָלן פינף טעג נאָך דעם ווי גענעראַל לי האָט זיך אונטערגעגעבן און דער בירגער־קריג האָט זיך פאַרענדיקט. בוטה האָט „איבן" דערשאָסן אין פאָרד טעאַטער. מיט אַ טאָג שפּעטער איז לינקאָלן געשטאָרבן.
**„פּרעזידענט איב"** — פּרעזידענט לינקאָלן.
**פּורים אַסאָסיעשאָן** — פאַרבונדן מיט איינעם פון די קנאַפּ־באַקאַנטע קאַפּיטלען צו דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע. אין דער פערטל־יאָר־שריפט פון דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט (דעצעמבער, 1950), וואָס דערשיינט אויף ענגליש, גיט איבער פיליפּ גודמאַן באַריכות אין זיין פאָרש־אַרבעט וועגן דער „פּורים אַסאָסיעשאָן אוו ניו יאָרק סיטי".

**פּאַרמער** — ערדאַרבעטער אָדער לאַנד־אייגנטימער.
**פּאַרמערקע** — דעם פּאַרמערס ווייב.
**„בויטרע״** — „בויטרע גזלן״, פּאָלקס־שפּיל פון משה קולבאַק.
**משה קולבאַק** — געבוירן: מוצאי פסח 1896 אין סמאָרגאָן, ווילנער געגנט. קלאַסיקער פון יידישער פּאָעזיע, פּראָזע־מייסטער, דראַמאַטורג און לערער. איז אַפּגעפאָרן פון ווילנע קיין סאָוועט רוסלאַנד אין האַרבסט, 1928. האָט פאַרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט ביז 1937, ווען ער איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אָן אַ משפּט, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען, פּונקט ווי שפּעטערדיקע יאָרן — נאָך הונדער־טער יידישע שרייבערס.

דעם לעצטן לעבעדיקן גרוס וועגן קולבאַקן האָט אָפּגעגעבן אַ באַקאַנטער בונד־טוער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן (איצט אין ניו יאָרק), וואָס איז געווען פאַרשיקט אין וואָרקוטאַ־לאַגער (עטלעכע הונדערט מייל פאַרן סוף פון אוראַל). אַרום 1951 איז דערהאַלטן געוואָרן דער לעצטער גרוס: קולבאַקס פרוי האָט זיך געריכט אים צו זען אַ באַ־פרייטן... אָבער זינט דאַן זענען דערהאַלטן געוואָרן פאַרלאָזלעכע באַריכטן אַז משה קולבאַק איז אומגעקומען אַ קראַנקער פון די שוידער־לעכע באַדינגונגען אין פאַרשיקונג.

משה קולבאַק איז געווען דעם מחברס לערער. זיין תלמיד וועט אים תמיד פאַרגעטערן, פּונקט ווי ער וועט שטענדיק זיין שטאָלץ מיטן איינפלוס וואָס משה קולבאַק האָט געהאַט אויף זיין דיכטערישן גאַנג.
**האָדסאָן** — טייך אין מערב־טייל פון שטאַט ניו יאָרק.
**״יאָשע קאַלב״** — פון י. י. זינגער.
**מאָריס שוואַרץ** — שוישפּילער, רעזשיסאָר און גרינדער פון יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו יאָרק.
**סעקאָנד עוועניו** — ס׳האַרץ פון די יידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק ביזן אָנהייב פון די פופציקער יאָרן.
**סענטראַל פּאַרק** — רייכע געגנט אין ניו יאָרק.

**קאַסטימער** — קונדן.

**לודוויג זאַק** — איינער פון די טאַלענטירטסטע שוישפּילערס אין יידישן טעאַטער (געב. אין לעמבערג, גאַליציע פעב. 18, 1895 — געשטאָרבן אין נ. י. 31סטן אויגוסט, 1944).

**באָריס טאָמאַשעווסקי** — הויפּטבויער פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָט אָבער אויך געשפּילט די הויפּט־ראָל פון שונד־טעאַטער. נאָך זיין קעניגן אין אָפּערעטעס איז ער אויף דער עלטער „אויפגע־טראָטן" מיט זינגען לידער אין יידישע וויין־קעלערן און רעסטאָראַנען אויף דער ניו יאָרקער איסט סאַיד. (געב. אין 1886 אין אסיטניאַשקע, קיעווער גובערניע, געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין 1939).

**סטאַר** — אַ שטערן אין דער קינסטלער־וועלט.

**עמפּאַיר סטעיט** — די העכסטע געביידע אויף דער וועלט, וואָס געפינט זיך אין ניו יאָרק.

**נאָו מער** — ניין, מיין הער.

**„יאָסלס" פּאַרטיי** — יאָסיף סטאַלין, קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

# אויסלייג

מחמת דעם, וואָס דער מחבר האָט — איבער עקאָנאָמישע סיבות — זיך באַנוצט מיטן זאַץ וואָס די צייטונג האָט גענוצט ביים דרוקן קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן, איז דער אויסלייג ניט איינהייטלעך. זאָל דער לייענער ניט נעמען פאַר אומגוט דעם דאָזיקן חסרון.

# דערמאָנונג

אַ גאַנץ גרויסער טייל פונעם דאָזיקן קורצן ראָמאַן אין פּערזן האָט זיך געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער צייטונג „דער טאָג" — פון 30סטן דע־צעמבער, 1950, ביז דעם 17טן יוני, 1951. דער רעדאַקטאָר פון בלאַט איז דעמאָלט געווען דער פובליציסט און פעליטאָניסט מרדכי דאַנציס (געב. אין 1885־86 אין מעזשירעוו, פּאָדאָליע, — געשטאָרבן דעם 14טן אויגוסט, 1952, אין ניו־יאָרק).

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן זיין נאָמען און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז קלוגע דאַנציס האָט ווי אַ יידישער רעדאַקטאָר אין אַמעריקע זיך אַרויסגעוויזן ביז איצט נאָך צו בלייבן דער איינציקער מיט זיין אויפטו: דרוקן המשכימווייז אין אַ יידישער טאָג־צייטונג אַ ראָמאַן אין פּערזן.

# דער מחבר פאַרבעט די לייענער

ליבע לייענער —

אין וועלכן ווינקל פון דער וועלט איר זאָלט זיך ניט געפינען, וועט דער מחבר זיין זייער צופרידן צו הערן פון אייך, וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן דאָזיקן ביכל.

זיין אַדרעס געפינט זיך אויף זייט 2.

איטלעך בריוו וועט זיין אָנגעלייגט, ווייל ס'איז אַ פאַרגעניגן צו האָבן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן לייענער.

כל טוב —

וואָלף יונין

נ. י., סעפּטעמבער, 1956.

## ביכער פון זעלביקן מחבר:

7 לידער — ביאַליסטאָק, 1928, פאַרלאַג „אַליין" (א. נ. וועלפקע האַכמאַן)
לידער — ניו־יאָרק, 1936, פאַרלאַג „אַרבעט"
געקליבענע לידער און פּאָעמען (ניט־געדרוקטע, 600 זייטן בערך)